בלומינגראוו
# שטימע
BLOOMING GROVE VOICE
די פאראייניגטע 'שטימע' פון תושבי 'בלומינגראוו' והגלילות
פ' בא תש"פ | Vol. 5-A
United Jewish Community of Blooming Grove

שב"ק פ' בא תש"פ
ו' שבט

**זמנים**

זמן הדלקת הנרות
4:56

סוף זמן קריאת שמע
9:03

זמן מוצאי שבת
6:25

---

ווייטגרייכנדע פארשריט אין די עסקנות באמיאונגען לטובת העיר:

# העכסט דערפאלגרייכער ערשטמאליגער קאנפערענץ צווישן אלע לאו-אינפארסמענט און רעטונגס-אגענטורן און י.זשעי.סי. פארשטייער

זייט 3

## אונזער ווידיע

זייט 13

אשר קדשנו במצותיו וצונו על מצות עירוב!

## ענדגילטיג פארענדיגט פלענער פון מהודר'דיגע עירוב פאר שכונת "לעיק שאור"; וועט אינסטאלירט ווערן אין די סאמע נאנטע וואכן

אין אן אויספירליכע און אפנהארציגע שמועס מיט הרה"ג רבי מאיר בערקאוויטש שליט"א אב"ד קאריץ

זייט 8



## דאס ווארט פון אונזערע געטרייע פארטרעטער

אינהאלטסרייכע שמועסן און גריסן מיט די טייערע שלוחי דרחמנא ושלוחי דידן, די איבערגעגעבענע 'באורד מעמבער', וועלכע שטייען גרייט צו העלפן, צו פארטרעטן און צו באגלייטן אונז אלע, יעדן בלומינגראוווער איינוואוינער, בבכל עת מצוא

שמועס מיט האי איש כשרון וכביר המעש, האברך היקר

מוה"ר **יושע אלימלך ביטמאן** הי"ו

אקטיווער און געטרייער באורד מעמבער אין "יו.דזשעי. סי."

זייט 14

## "בתי מדרשים פארקינג" פערמיטן, מיט ספעציעלע "פארקינג מאפע"

זייט 4

## לעכטיגע טעג פאר משתתפי הנסיעה מיט געהויבענער מסע קודש פון כ"ק אדמו"ר מצאנז-זמיגראד שליט"א אין ארה"ק

רגשי קודש ביי משתתפי הנסיעה תושבי עירנו, ווען דער רבי שליט"א דערמאנט בשעת'ן פוקד זיין די ציונים הקדושים אינעם גליל העליון, און אין הר הזיתים אז ער איז מתפלל און האט אינזינען באופן מיוחד אנ"ש תושבי העיר בלומינגראוו און איז מתפלל פאר הצלחת עירנו בכלל ובפרט • ברכות צדיק יעשו רושם!

זייט 12

עדיטאריעל: **מתתי' דייטש**

## דער "שטימונג" אין בלומינגראוו

זייט 2

**עדיטאריעל: מתתי' דייטש**

# דער "שטימונג" אין בלומינגראָוו

אלס איינוואוינער דא ביי אונז אין בלומינגראוו, נעם איך אצינד די געלעגנהייט, אביסל אויסדריקן די געפילן, איבער די שיינקייט און איינגענעמקייט פון אונזער שטעטל.

אנגעפאנגען מיט די רואיגקייט און באטעמטע לופט, ווי מ'קען דינען דעם אייבישטער, און מחנך זיין די קינדער מיט א מנוחת הנפש און הרחוות הדעת. א שיינע, שטילע פלאץ, ווייט פון די רוישיגע שטאט. די הערליכע פאנאראמע, פונעם באשעפער שיינע וועלט, דאס איז עפעס וואס איז צום באוואונדערן. אידן וואס האבן זיך ארויס געצויגן פון די שטאט, און זענען אויך דארט אויפגעוואקסן אלע יארן, האט זיך פאר זיי אנטפלעקט א בילד, וואס זיי האבן נאך קיינמאל בעפאר נישט בייגעוואוינט.

זיך ארויס זעצן אויפן פארטש, לערנען מיט די קינדער, שבת נאמיטאג, איז דאך ממש מעין עולם הבא. און בכלל פארברענגען אדער שפאצירן, אין א שיינע וועטער, איז א געוואלדיגע רואיגקייט און ברייטקייט, וואס ליפטערט אויס דעם קאפ.

מער פון אלעם, שיינט ארויס די אחדות, ווי מ'לעבט באהבה ואחוה בשלום ורעות. פארטייען און פאליטיק פארנעמט נישט קיין ארט, ביי אונז אין שטאט. פרעמדע מענשטן וואס קומען באזוכן, אדער קוקען דאס צו פון די זייט, טוען דאס באוואונדערן. צום ביישפיל, ווען דער רב פון איין סאטמאר, מאכט א שמחה, טוט דער ראש הקהל פון די אנדערע סאטמאר אינטערשרייבן אויפן ברכת מזל טוב.

זאל זיך נישט מאכן, ווען א איד איז אין נויט, און דארף סיי וואספארא הילף, קומט מען אים אקעגן, מיטן פולסטן מאס איבערגעגעבענקייט. די ווארימע אידישע הערצער, וועקן זיך אויף, און טוען וואס אימער צו העלפן זייער ברודער.

די ברודערשאפט און אחדות, זעהט זיך אן אויף טריט און שריט, סיי צו טוהן א טובה אדער זיך מיט פרייען מיט יענעם שמחה, ווי מען זיצט בשבת אחים, און מען פארברענגט אויף א דערהויבענע פארנעם.

★ ★ ★

ס'איז א געוואלדיגע קידוש שם שמים, אז פאר קנאפע דריי יאר צוריק, ווען איך האב זיך אהער געצויגן, איז געווען בלויז עטליכע מנינים אידן, איין קליינע לעכעל, פאר א בית מדרש, אין די בעסמענט פון 13 דאללעס, און נאך א שולכעל אין ווירדשזיניע.

היינט תהלה לקל חי', האבן מיר העכער דריי הונדערט אידישע פאמיליעס. איבער צען בתי מדרשים לתורה ולתפלה, מיט שיעורי תורה. מנינים שבת און אינדערוואכן, עטליכע מקוואות, עס איז ברוך השם פארווירקלט געווארן אין א פולקאמע אידישע שטאט, מיט אלע צוגעהערן.

בלומינגראוו איז א ריכטיגע סאטמאר שטאט, אויף אלע יסודות וואס רבינו הק' האט אוועק געשטעלט, סיי בנוגע ליהדות, און פארשטייט זיך אויך די חסד, וואס דער רבי ז"ל האט אין אונז אריין געבאקן, אויך אזוי ווי די סאטמארע קהלה, איז אונזער שכונה, צוזאם געשטעלט פון בני תורה, בעלי בתים, אידן פון אלע סארט, אבער אויף קיין שום וועג, טוט דאס נישט פארמינערן די אחדות און צוזאם ארבעטן.

אויך שטעלט זיך ארויס די קוואליטעט און טאלאנט, פון אונזערע איינוואוינער. שרייבער, רעדנער, גראפיק דיזיינער, און אסאך עסקנים און כלל טוהער. די דאזיגע פרישע אויסגאבע, "די שטימע" איז צוזאם געשטעלט אלעם משלנו.

אידן דא האבן אויך די געלעגנהייט, מקיים זיין די מצוות פון כיבוד אב ואם און הכנסות אורחים. ווי יעדע שבת און יום טוב, זעהט מען נייע געסט, וואס ווילן דא אין אונזער שטעטל, פארשטייט זיך אז זיי באקומען די ריכטיגע כבוד, און אלע פון זיי בשום יוצא מן הכלל, דריקן אויס זייער באגייסטערקייט, פון די נאבעלע און איידעלע אטמאספער.

★ ★ ★

מיר זענען איבער אלעם ב"ה באשאנקן געווארן, מיט גאר חשובע רבנים, ערליכע אידן, וואס ווייזן אונז די ריכטיגע וועג, דעם דרך ישראל סבא. און זענען משפיע תורה וחסידות. אין דא ברויך ארויס געברענגט ווערן, א כל דבר הקטן יבאו אלי, מיר רירן זיך גארנישט אן די קלארע אנווייזונגען, פון די רבני העיר שליט"א.

א באזונדערע זכיה, פארמאגן מיר תושבי בלומינגראוו, צו זיין אכסניה פארן גרויסן צדיק, כ"ק אדמו"ר מצאנז-זשמיראד שליט"א, וואס ווילט דאהי אויף די זומער וואכן, און נאך צייטן איבערן יאר, מיר קענען זיך ווייקן תחת צלו, און ווייזן פאר די קינדער א צורה פון א צדיק אמת.

דעם פארגאנגענעם זונטאג, האט זיך ווידער ארויסגעשטעלט, ווי ווייט יעדער האלט זיך צוזאם, ווי מיר זענען זיך צוזאם געקומען צו די פת שחרית, ארויסצווייזן שטיצע פאר די נייע באורד, וואס שטייט גרייט צו העלפן יעדן איינעם בפרט, און די גאנצע שטאט בכלל, אידן האבן זיך משתתף געווען בגוף ובממון. דאס איז געווען א שטארקע חיזוק פאר תושבי עירנו.

★ ★ ★

עס בלייבט נאר איבער צו בעטן א הייסע תפלה, די יצר הרע פון מחלוקת און פירוד לבבות, זאל נישט איבער טרעטן די גרעניץ פון בלומינגראוו, עס זאל שטענדיג הערשן נאר שלום ושלווה, מיר זאלן קענען אנהאלטן זיך פירן אויפן אלטן אויסגעטרעטן וועג, עדי נזכה לביאת משיחנו

## וויטגרייכנדע פאָרשריט אין די עסקנות באַמיאונגען לטובת העיר:

# העכסט דערפאָלגרייכער ערשטמאָליגער קאָנפערענץ צווישן אַלע לאָו-אינפאָרסמענט און רעטונגס-אַגענטורן און י.זשעי.סי. פאָרשטייער

### פאָרשטייער פון סטעיט פאָליציי, שעריף, פייער דעפארטמענט, הצלה, מצילי אש, מעדיקל עקזאַמינער, באַטייליגט און קניפּן אָן געמיינזאַמע באַציאונגען

**איינצופעדימען געמיינזאַמע פאַרשטענדעניש און קאָמיוניקאַציע צווישן די פילצאָליגע אַגענטורן און די לאָקאַלע עסקנים, לטובת די זיכערהייט, רואיגקייט און וואוילזיין פון די הונדערטער משפחות און טויזנטער נפשות תושבי בלומינגראָוו בליעה"ר**

**קאָנפערענץ אָפּגעהאַלטן אין לאָקאַלן בלומינגראָוו "ווילעדזש האָל", אין דער אָפּוועזנהייט פונעם מעיאָר**

בלומינגראָוו. – אין א העכסט פאזיטיווער אנטוויקלונג לטובת אונזער שטאָט איז דעם פארגאנגענעם דאָנערשטאָג פרשת וארא צושטאנד געקומען אַ העכסט-וויכטיגער קאָנפערענץ צווישן אַלע זיכערהייטס-און-רעטונג אַגענטורן, סיי פון די סטעיט און סיי פון די לאָקאַלע רעגירונגען, כדי זיך צונויפצורעדן אינאיינעם, איינפעדימען אַ קאמיוניקאַציע און פאַרבינדונג, כדי צו פאַרזיכערן די ריכטיגע שוץ בדרך הטבע בעז"ה, און אויך אַז על כל צרה שלא תבוא ח"ו זאָל מען האָבן די ריכטיגע צוגאַנג און פאַרבינדונגען לטובת תושבי העיר.

בלומינגראָוו איז אַ רעלאטיוו נייע שטאט, אָבער ס'איז קלאָר אַז ס'האָט "געטוישט די מאַפּע". די שטאָט איז "פאַראידישט געוואָרן" און דערמיט זענען "אַרויסגעוואַקסן" פילע בתי מדרשים און קהלות, טויזנטער קינדערלעך כ"י וואָס פילן אָן די גאַסן, און אַנשטאָט אַ פאַרשלאָפן קליין דערפל איז עס פארוואנדעלט געוואָרן אין אַ שפרודלדיגער שטאָט, וואָס הערט נישט וואַקסן און בליען, בלי עין הרע.

מיט די יאָרן האָבן די עסקנים אַנערקענט, אַז די אויסוואוקס פון בלומינגראָוו איז עפּעס וואָס דאַרף געברענגט ווערן צו דער אויפמערקזאַמקייט פון די פילע עמערזשענסי סערוויסעס אַגענטורן, כדי צו קענען בעסער נאָכקומען און זיך אָפּגעבן מיט די ספּעציפישע געברויכן פונעם היימישן ציבור, צו פאַרזיכערן אַז די אינסטאַנצן זענען באַוואוסטזיניג מיט די רעאַליטעט, שטעלן צו די נויטיגע זיכערהייטס מאָסנאַמען, און ס'זאָל זיין אַן אָפענע קאָמיוניקאַציע אין פאַל סיי וואָס קומט אונטער.

איבערהויפּט אַז מ'לעבט היינט ליידער אין אַזאַ שווערע תקופה, מיט די פילע פאסירונגען אין די לעצטערע חדשים וואָס האָבן אויפגעציטערט כלל ישראל, און טראָץ ס'ב"ה נישט פאַרהאַן קיין שום דירעקטע שרעק, וויל מען אָבער אַלץ זיין אויף דער זיכערער זייט. אחריות'דיגע עסקנים האַלטן פאַר די אויגן אַז מ'דאַרף טון די נויטיגע השתדלות, אַז די אַגענטורן וואָס געבן זיך אָפּ מיט די סיטואַציעס זאָלן זיין באַוואוסטזיניג איבער די אייגנאַרטיגע דעמאָגראַפיע פון אונזער שטאָט און וויסן וויאַזוי צו זיין גרייט אין יעדן סאָרט מצב בעז"ה.

ווי באריכטעט צווישן די שפּאַלטענעס פון די "שטימע" (אויסגאַבע #1) האט דער באורד באַוויזן אָנצוקניפּן בעסערע באַציאונגען מיט די לאָקאַלע פאליציי וואָס איז ב"ה זייער סימפּאַטיש צו אונזערע געברויכן, און אויפ'ן פארלאנג פונעם באָורד געהעכערט די פּאַטראָלן צווישן אונזערע גאַסן און ביי די בתי מדרשים. אַצינד האָט מען אינאיינעם מיט דער פּאָליציי באַשלאָסן אַז ס'איז וויכטיג דאָס צו נעמען צו דער נעקסטער פאַזע און שאַפן אַ געמיינזאַמע האַרמאָניע, קאָמיוניקאַציע און פאַרשטענדעניש צווישן "אַלע" פוירסט-רעספּאַנדערס אַגענטורן וואָס זענען אַקטיוו אין דער געגענט.

ווי ביי יעדע הינזיכט וואָס די עסקנים פּרובירן די מאַקסימום ס'זאָל זיין בדרכי השלום, האָט מען זיך פאַרבינדן מיט'ן מעיאר צו בעטן ער זאָל אַרויסהעלפן צושטאַנדצוברענגען די מיטינג, כדי צו אַרבעטן אינאיינעם פאַר די טובה פון אַלעמען. למעשה האט דער מעיאָר נישט געוואָלט טון גאָרנישט דערצו. אָבער וויבאַלד דער היגער פּאָליציי שעף – וויסנדיג ווי נויטיג דאָס איז איינפאַך פאַר די "זיכערהייט" פון די שטאָט און אירע איינוואוינער – האט שטאַרק געשטופּט דערצו, האָט דער מעיאָר נישט געקענט דאָס אָפּהאַלטן, און די מיטינג איז פאָרגעקומען אין ווילעדזש-האל.

אָבער טראָץ וואָס די קאָנפערענץ איז אפּגעהאלטן געוואָרן אין דער "קאָנפרענץ צימער" פונעם ווילעדזש, איז דער מעיאָר געווען אָפּוועזנד און זיך נישט באוויזן – אַ זאַך וואָס האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקע אַנטוישונג ביים פּאָליציי-שעף, וועלכער האָט אויסגעדרוקט זיין אומצופרידנהייט אַז דער מעיאָר האָט נישט געפינען פאַר וויכטיג אַנטיילצונעמען אין אזא אויסנאַמליכע נויטיגע קאָנפערענץ, זאגנדיג אז "ווען ס'קומט צו זיכערהייט, דאַרף מען לייגן אייגענע אינטערעסן און אינערליכע קאָנפליקטן אין דער זייט".

נאך עטליכע וואָכן וואס די באורד-מיטגלידער האָבן אַריינגעלייגט גרויסע כוחות, איז ב"ה צושטאַנד געקומען די קאָנפערענץ מיט אַן אויסערגעווענליכער סוקסעס און מיט אַ פולער געדיכטער באַטייליגונג פון אַלע אַגענטורן וואָס מ'האָט באַוויזן צונויפצוברענגען אַדאַנק די געניטע עסקנות בעז"ה.

עס זענען אָנוועזנד געווען פאָרשטייער פון די פאָלגענדע פוירסט-רעספּאַנדערס אַגענטורן: סטעיט פּאָליס; בלומינגראוו פּאליס; לאקאלע שעריף; סאוט בלומינגראוו פּייער דעפּארטמענט; בלומינגראוו אי-עם-עס; קרית יואל הצלה רעפּרעזענטירט דורכ'ן געטריען אַדמיניסטראטאר ר' ישראל קנאָבלעך הי"ו; קרית יואל פּאבליק סעיפטי, פאַרטרעטן דורך ר' משה לייב וויטריאל הי"ו; קרית יואל מצילי אש; אפיס אוו עמערדזשעסי מענדעזשמענט פון אראדנזש קאונטי; מעדיקל עקזעמינער; און דער "ליעזאן" העסקן ר' אברהם יצחק פלאהר הי"ו.

די מיטינג איז צוגעגאַנגען זייער פריינטליך, אַלע אָנוועזנדע זענען געווען זייער סימפּאַטיש, און יעדער האָט צוגעשטימט אַז ס'איז זייער וויכטיג איינצופעדימען אַ נאָענטע פאַרשטענדעניש. ווי אויך האָבן די עסקנים דערביי אָנגעקניפּט די נויטיגע קאָנטאַקטן, אַז אין פאַל פון סיי וועלכער אינצידענט, און אין סיי וועלכע הינזיכט ווען ס'האַנדעלט זיך לטובת הציבור, זאָל מען קענען האָבן די ריכטיגע אַדרעסן וואוהין זיך צו ווענדן און געניסן פון די געוואונטשענע קאָאָפּעראַציע.

די באָורד-פאָרשטייער האָבן צווישן אַנדערן אַרויפגעברענגט אַן אישו, אַז די לאָקאַלע הצלה-מיטגלידער האבן שוין עטליכע מאָל געהאט אויסצושטיין פּראָבלעמען ווען מ'האָט זיי פּרובירט צו שטערן מיט זייער לעבנסוויכטיגע אַרבעט

# "בתי מדרשים פּאַרקינג" פּערמיטן, מיט ספּעציעלע "פּאַרקינג מאַפּע" אויסגעאַרבעט

איינס פון די קלענערע תוצאות וואס די מיטינג האט צוגעברענגט איז די "פּארקינג אישו" נעבן די בתי מדרשים, אין די ווינטער מאנאטן.

ווי שוין באריכטע מיט עטליכע וואכן צוריק איז געלונגען פאר די יו. זשעי. סי. אויסצוארבעטן מיט די פאליציי אז מ'זאל קענען איבערגעבן אדרעסן ווי עס וועט געפראוועט ווערן פארזאמלונגען אז אין די באשטימטע צייט זאל מען האבן ערלויבעניש צו פארקירן קארס אין נישט באקומען קיין טיקעטס.

און געוואוי ווי וויכטיג ס'איז צו פארזיכערן פאַרשטענדליכע און יושר'דיגע פּארקינג רעכטן איבער די אלגעמיינע גאַסן, איז נאָך פילפאַכיג מער וויכטיג דאָס פאַרזיכערן אַז אידן וואָס קומען אל הרנה ואל התפלה, טאָג טעגליך, אין די אָרטיגע בתי מדרשים זאָלן נישט האָבן קיין פּראָבלעמען מיט פּאַרקינג, און וויבאַלד דאָס איז ביז היינט נישט געווען געזעצליך פלעגן מתפללים צומאל באַקומען טיקעטס, וואָס האָט גורם געווען עגמת נפש.

אצינד האָט מען באַוויזן אויסצואַרבעטן אַ באזונדערע 'פּארקינג פערמיט' וואס זאל אפיציעל ערלויבן דאס פּאַרקירן ביי די בתי מדרשים אין די באַשטימטע צייטן ווען די טעגליכע תפלות זענען אין קראַפט.

אָבער די באַהערדע האָט קלאָר אָנגעגבן, אַז 'אינמיטן טאג' אדער 'אינמיטן די נאכט' וועלן זיי יא פארסירן דעם פארקינג פאַרבאָט, און ס'איז וויכטיג צו באַטאָנען פאַר'ן ציבור כדי צו פאַרמיידן אומזיסטיגע געלט-שאָדנס. די פּערמיטן זענען גילטיג "בלויז אינדערפרי און ביינאַכט" בשעת די רוטינע זמנים ווען מ'דאַווענט. אין די אַנדערע צייטן איז מען אויסן צו באַקומען טיקעטס.

אזוי אויך זאל מען פארקירן נאר לויט די רעגולאציעס צו די זייט פון די טראפיק פארקער,

גלייכצייטיג איז ארויסגעשטעלט געווארן אַ גענויע "פּאַרקינג מאַפּע" וואו ס'איז אָנגעצייכענט די גענויע פּאַרקינג ספּעיסעס וואו אלץ ס'איז ערלויבט צו פּאַרקירן ביי די בתי מדרשים, כדי יעדער זאָל וויסן גענוי די ערטער און נישט זיך אָנשטויסן אין קיין פּראָבלעמען און אומאַנגענעמליכקייטן.

דער ציבור ווערט געבעטן אַרויסצוצייגן קאאפּעראציע, שאַפן אַ קידוש השם אויסצופאלגן די געזעצן. דאָס פאַרגרינגערט די עסקנים צו קענען ווייטער אויפטון לתועלת הציבור.

**ורגלי מוליכות אותי לביהמ"ד!**

צווישן די גרעניצן פונעם ווילעדזש. די עסקנים האָבן אָנגעוויזן אויף עטליכע סיטואַציעס פון "עקסידענטן" ח"ו, ווען ס'האָט זיך געמאַכט פאַרשידענע מיספאַרשטענדענישן צווישן די רעאַגירנדע אַגענטורן און די היימישע אידישע מצילי נפשות – אינצידענטן וואָס מ'קען זיך נישט דערלויבן ס'זאל ווידעראמאל פאסירן.

אָנבאַלאַנגט די פייער-דעפּאַרטמענט האָט מען אונטערגעשטראָכן אַ פּראָבלעם וואָס מוטשעט די איינוואוינער, אַז ווען ס'מאַכט זיך דאָס מינדעסטע פייער-אַלאַרם רוף, באַווייזן זיך מחנות פייערלעשער וועלכע גייען דורך דאָס גאנצע הויז מיט אַן איבערגעטריבענע קראַפט און מאכן פשוט אומבאַקוועם די סיטואַציע. די זאַכן זענען קליינִיקייטן צו מסדר זיין, און ווען מ'שמועסט זיך אויס, קען מען לייכט קומען צו אַ פאַרשטענדעניש.

די סטעיט פּאָליציי און שעריף באַאַמטע האָבן זיך באַצויגן צו די סעקיוריטי-אַנגעלעגנהייטן און די ספּעציעלע מאָסנאַמען וואס זיי האָבן לעצטנס אונטערגענומען צו גוט אויסקענען די מאַפּע פון אַלע בתי מדרשים און גרעסערע צענטערן, צו וויסן גענוי די צייטן פון תפילות, ווען ס'דאָ אַ גרעסערער ציבור, דער אויסשטעל פון די שולן אא"וו, און זיי האָבן געבעטן פון די עסקנים די קאָאָפּעראַציע און מיטהילף אַרויסצוהאָבן גענוי די אידישע מאַפּע פון בלומינגראָוו, כדי צו קענען צושטעלן די נויטיגע שוץ בעז"ה.

נאָך אַ לענגערע צייט פון באַהאַנדלונגען, אויסטוישן פּאָרשלאַגן, אַרויסברענגען פאַרלאַנגען, אָנקניפּן קאָנטאַקטן, האָט זיך די מיטינג געשלאָסן, נישט בעפאָר די עסקנים האָבן אַרויסגעברענגט אַ האַרציגן דאַנק פאַר אַלע אָנוועזנדע, וועלכע האָבן זיך אָפּגעריסן פון זייערע באַשעפטיגונגען און זענען געקומען צייגן זייער גרייטקייט מיטצואַרבעטן מיט אונזער געמיינדע.

צווּם שלוס האָבן אַלע באַאַמטע און פאָרשטייער פון די שטאָטישע אַגענטורן אָן אויסנאַם אויסגעדרוקט זייער שטאַרקע צופרידנהייט און סאַטיספאַקציע, אַז די היימישע אידישע געמיינדע פון בלומינגראָוו האָט זיך ענדליך צונויפגענומען און ווערט רעפּרעזענטירט דורך אַ באָורד אין איין פאַראייניגטע שטימע, אַנדערש ווי ביז היינט ווען ס'נישט געווען קיין באַשטימטע פאָרשטייער, און דאָס האָט געברענגט אַז זיי האָבן נישט געהאַט קיין אינטערעס מיטצואַרבעטן. אַצינד פון יעצט און ווייטער, ווינסדיג ווער עס טוט פאַרטרעטן די געמיינדע, זענען זיי מער ווי צופרידן צו קענען אַרבעטן אינאיינעם און פאַרשפּראָכן אַ פולקאָמע קאָאָפּעראַציע.

איבערהויפּט ווערט אויסגעדרוקט אַ ספּעציעלע אַנערקענונג צום פּאָליציי-שעף, מר. אַלעקס מעלטשיאָר, וואס אדאנק זיינע באמיאונגען און געטרייע הילף איז די קאָנפערענץ צושטאַנדגעקומען מיט דער ריכטיגער סוקסעס. דעם פאַרגאַנגענעם מאָנטאָג איז דער פּאָליציי-הויפּט פערזענליך אַראָפּגעקומען צום ווילעדזש האָל, כדי צו באַגריסן און באַדאַנקען די פאָרשטייער פון יו.זשעי.סי. פאַר די האַרמאָניע און פּאָזיטיווע צוזאַמאַרבעט, וואָס איז אין יעדנ'ס בעסטע אינטערעסן. ער האָט אויסגעדרוקט זיין באַגייסטערונג פון די איידעלע און רואיגע באַנעמונג פון די עסקנים לענגאויס די גאַנצע צייט, וואָס האָט אַרויסגעברענגט אַ קידוש ה'.

ס'איז צום האָפן אַז די געטרייע פּעולות השתדלנות עפ"י דרך התורה והמסורה וועלן בעז"ה ברענגען שטאנדהאפטיגע רעזולטאַטן לטובת אונזער שטאָט און אירע איינוואוינער, וועלכע זענען מתפּלל אַז דער רבוש"ע זאָל האַלטן די רעכטע האַנט, שומר ישראל שמור שארית ישראל און מ'זאָל קיינמאָל נישט דאַרפן צוקומען צו די אַלע רעטונגס-אָרגאַניזאַציעס, נאָר אויף שמחות און פריילעכע געשעענישן בעז"ה, אמן.

**שומרים הפקד לעירך – אם ה' לא ישמר עיר שוא שקד שומר!**

**וכל מי שעוסקים — פאַר'ן עתיד פון בלומינגראָוו:**

# "אסיפת עסקנים" וועט צונויפברענגען אַלע עסקני'שע כוחות פון אונזער שטאָט, צו פאָרמירן צענטראַלער פאַראייניגטער "וואַל-קאָמיטע" באַשטימט אויף "מוצאי" שבת קודש יתרו

## קאָמיטע וועט באַשטיין פון 50 יונגעלייט תושבי העיר; 5 רעפּרעזענטאַטן פון יעדן בידהמ"ד צו פאַרזיכערן מאַקסימום אחדות'דיגן כח פון אַלע תושבי העיר

**אויסנאַם רייכע מאורע, מיט אינהאַלטספולער פּראָגראַם און נאָבעלע סעודת מלוה מלכה וועט אי"ה שענקען גייסטרייכע שעה'ן פאַר אַלע פאַרזאַמלטע עסקנים פון כל קהלות הקודש וואָס טוען פאָרמירן אונזער הערליכע שטאָט**

• גענויע דעטאַלן וועלן נאָכפאָלגן אין די קומענדיגע טעג •

# שטימע קאַסטן
## בריוו צו דער רעדאַקציע

מיר ווילן הערן "אייער שטימע"!

**אין דעם קאָלום וועלן אי"ה ערשיינען די בריוון און קאָמענטאַרן פון בלומינגראָווער איינוואוינער צו דער רעדאַקציע.**

**אדרבה, שרייבט! איבער סיי וועלכע נושאים איר האַלט ס'קען פאַראינטערעסירן און נוגע זיין אַנדערע תושבי העיר, למען תועלת הציבור.**

שרייבט צו דער רעדאַקציע:
**BGVoice@UJCofBloomingGrove.org**


השי"ת זאל העלפן למזל טוב ובשטומ"צ און איר זאלט זוכה זיין צו שמחה ונחת וכל טוב מיט הרחבת הדעת.

* * *

לכבוד המערכת

צום ערשט א דאנק פאר אייער הערליכע ארבעט עס איז ממש א נחת צו זעהן ווי די ארויסגאבע פארברייטערט זיך וואך נאך וואך און דער ציבור האט א שטארקע הנאה. עס איז געוואלדיגע הנאה פאר אלע תושבים אן אויסנאם.

כה לחי!

צום ענין בנוגע די שארטקאט וואס איז באריכטעט געווארן און דער ציבור האלט מיט ווי דער באורד ארבעט אומערמידליך צוריק צו עפענען דעם שארטקאט און דער ציבור האלט טאקע מיט ווי די ארבעט צו אינסטאלירן דעם דאך איז און פולן שוואונג.

האב איך נאר געוואלט פארציילן ווי עס האט זיך פארלאפענע שבת ארויסגעשטעלט דער נחיצות וועגן די מקוה פון ביהמ"ד ראדוויץ ווי איך בין א מתפלל קבוע האט געהאט א פראבלעם מיטן טערמעסטאט וואס האט געפירט צו דעם אז די מקוה איז געווארן גאר הייס און שווער צום באניצן וואס האט געברענגט צו דעם אז דער ציבור זאל אראפגיין קיין ביהמ"ד צאנז זמיגראד האט מען געזוכט דעם גרויסן אומוועג אן דעם שארטקאט.

עס ברויך טאקע ארויסגעברענגט ווערן לשבח האברך החשוב ר' יצחק פעלדמאן הי"ו וואס דער שארטקאט געפינט זיך ביי זיין פראפערטי וואס האט ספעציעל געעפענט דעם שארטקאט פארן ציבור צו קענען גיין און קומען דעם שבת אינדערפרי, עס איז גלייכצייטיג געווען א געלעגנהייט פארן ציבור צו זעהן פון דער נאענט די ארבעט ווי די ארבעט צו רעסטאווירן דעם שארטקאט איז און פולן שוואונג און נישט בלויז גערעדט נאר איז שוין כמעט פארענדיגט, און ווי כ'האב געהערט איז שוין די גייטס באשטעלט און וועט ווערן אויפגעשטעלט אין די קומענדיגע טעג און מיט דעם וועט ווערן פארענדיגט די עיקר טייל פון די ארבעט.

עס האט אבער ארויסגעברענגט פארן גרויסן ציבור דאס נחיצות דערפון וויאזוי עס טוט ממש פאראייניגן דעם ווארלי הייטס און קעפיטאל הילל געגענטער און פארגרינגערט פאר אלע תושבים.

זאל דער אייבערשטער אייך באגלייטן ובכל א אשר תפנה תצליח

א דאנק

מ.ל.

ב"ה

לכבוד די ארויסגעבער פון די 'בלומינגראוו שטימע'.

קודם וויל איך זיך באדאנקן פאר די געטרייע ארבעט וואס עטס לייגטס אריין לטובת הכלל, אין די צייט וואס יעדער האט געזאגט די לעצטערע יארן אז "איינער דארף טון" "מען דארף זיך צוזאמנעמען" אבער למעשה איז עס געווען שווערער ווי געזאגט, מיט דעם אלעם האבן ענק זיך אריינגעווארפן ווי נחשון צו ארויסהעלפן דעם ציבור. אין דעם זכות זאל השי"ת ענק שיקן פיל הצלחה אין אלעס וואס ענק טוט.

ספעציעל טאקע דער אויסגאבע דער שטימע וואס האט אריינגעברענגט א נייער גייסט דא און שטאט צוזאמגענימען דעם ציבור גאר שטארק דער עולם לייענט און דערקוויקט זיך מיט די רייכע ארטיקלען, אינטערוויוס און באריכטן, דער געגענט איז ב"ה גאר גרויס און איז זיך צוואקסן אויף אלע זייטן איז א ספעציעלע הנאה ווי מען קען פון די שפאלטעטעס פונעם 'שטימע' מיטהאלטן די נייעס אנטוויקלונגען און הרחבת גבולי הקדושה פון איבעראל.

חזקו ואמצו שכרכם הרבה מאוד

נ.ב. איך וואלט געוואלט בעטן אויב קען מען מאכן פלאץ פאר מיין אינוויטעישאן וויבאלד איך האב נישט געשיקט קיין אינוויטעישאנס צו די חתונה פון מיין טאכטער קומענדיגע וואך בשטומ"צ

יישר כחכם וכל טוב.

יואל מזרחי

ענטפער פון די רעדאקציע:

עס איז אונז א גרויס חיזוק אייערע ווערטער.

עס איז אונז א געלעגנהייט זיך מיטצופרייען מיט אייער שמחה אינאיינעם מיט'ן גאנצן ציבור תושבי העיר, בייגעלייגט טוען מיר פובליצירן די הזמנה, אלץ א דערמאנונג פאר תושבי העיר.


בעזהשי"ת

נעלה את ירושלים / על ראש שמחתינו

עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים

קול ששון / וקול שמחה

קול חתן / וקול כלה

ברוב שבח והודאה להשי"ת שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה
מתכבדים אנו בזה להזמין ולקרוא בקריאה של חיבה את
קרובינו וידידינו שיחיו לבא להשתתף בשמחתינו יום
כלולת בנינו היקרים שיחיו ה"ה

הבחור החתן המופלג בתוי"ש / הכלה הבתולה המהוללה

כמר שלמה בצלאל נ"י עב"ג מרת חי' סאשה תחי'

שתתקיים בעזהשי"ת למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום א' לסדר "אז ישיר משה ובני ישראל" (בשלח)
אול"י ח' שבט שנת תש"פ לפ"ק הבעל"ט
ולמספרם FEB 2

קבלת פנים בשעה 5:00 / והחופה בשעה 6:00

ברהמ"ז בשעה 11:00

באולם כינור דוד
18 GETZEL BERGER BLVD. MONROE, NY 10950

ואי"ה ביום שמחתכם ובמועדיכם ישמח לבינו גם אנו בל"נ
ידידיכם המצפים לקבל פניכם באהבה ובשמחה

הורי החתן
יהושע יואל מענדלאוויטש ובו"ב
בלומינגבערג יצ"ו

הורי הכלה
יואל מזרחי ובו"ב
בלומינגראוו יצ"ו

**הזמנה פרטית לידידינו היקרים תושבי עירינו שיחיו להשתתף בשמחתינו בזמן ובמקום המוגבל בשטומ"צ**

### אשר קדשנו במצותיו וצונו על מצות עירוב!

# ענדגילטיג פארענדיגט פלענער פון מהודר'דיגע עירוב פאר שכונת "לעיק שאור"; וועט אינסטאלירט ווערן אין די סאמע נאָנטע וואכן

**עירוב ווערט אויפגעשטעלט און באגלייט אונטער די שטרענגע און מהודר'דיגע השגחה פון הגאון רבי יחיאל שטיינמעץ שליט"א, רב המכשיר פון דעם עקזיסטירנדן עירוב המהודר אין דער "הארלי הייטס" אומגעגענט ומומחה מובהק לעניני עירובין בכל תפוצות ישראל**

**תושבי השכונה דרוקן אויס הכרת הטוב פאר דעם איבערגעגעבענעם פיאנער פון דעם עירוב אין בלומינגראוו, הרה"ג רבי מאיר בערקאוויטש שליט"א אב"ד קאריץ, וועלכער איז אויך אצינד עושה ומעשה צו דורכפירן דעם תיקון עירובין מיט'ן שענסטן שלימות ודקדוק הלכה**

**קאמפיין ווערט געלאזט אין גאנג צווישן תושבי השכונה און נדיבי לב צו אויפטרייבן נויטיגע פאָנדן לגשת אל המלאכה ווי אמשנעלסטן**

"שמחים לשמרו ולערב עירובו! ישמחו במלכותך שומרי שבת!" - מיט א געהויבענע פרייד און א שבת'דיגע אטמאספערע האט אפגעהילכט די בשורה מרנינה צווישן די תושבי שכונת "לעיק שאור" אז אט איז "הגיע השעה" ווען די הערליכע און בליענדע געגנט וועט זוכה זיין צו ארומגענומען ווערן מיט אן "עירוב" מהודרת, כנהוג אין אלע אידישע שטעטלעך אין דער אלטער היים, און אויפ'ן זעלבן שטייגער ווי דער עקזיסטירנדער עירוב המהודר אויף די אנדערע זייט בלומינגראוו, וואס שטייט שוין זינט פארגאנגענעם זומער העעל"ט, און וועט אצינד פארגעזעצט ווערן אויף דעם אופן אויך אין "לעיק שאר" צו מזכה זיין די שטאט מיט מצות ותיקון עירובין כהלכה.

לויט ווי די איבערגעגעבענע "עירוב עסקנים" אין "לעיק שאור" געבן איבער פאר "אונזער שטימע, האלט מען שוין אצינד ביי די סאמע לעצטע שטאפלען איידער מען וועט פאקטיש צוטרעטן צו די מלאכת הקודש און מתקן זיין דעם עירוב צום באנוץ פון תושבי העיר. מען האט שוין פאקטיש געענדיגט דעם פארטיגן פלאן פאר דעם גאנצן עירוב, און מען האלט שוין אויך נאך די לעגאלע פארמאליטעטן, ס'איז אלעס גרייט און ממש אין די גאר נאנטע געציילטע וואכן וועט דער עירוב ווערן אויפגעשטעלט און אינסטאלירט כדת וכדין דורך דעם בארימטן בעל מכשיר הגאון רבי יחיאל שטיינמעץ שליט"א, ובנו הרה"ג רבי חיים מאיר שליט"א, וועלכער איז עוסק בשליחותו צושטאנד צו ברענגען די תיקוני עירובין מכח אל הפועל.

## "עם מקדשי שביעי ישבעו ויתענגו"; דער עירוב אין 'בלומינגראוו'

אינאיינעם מיט דאס פולזייטיגע שפרידליגע אידישע לעבן וואס האט אויפגעבליט אין "בלומינגראוו" בלויז אין די לעצטע עטליכע יאר, האט די געגנט אויך זוכה געווען מיט ווינציגער פון א יאר צוריק אז עס זאל דא אויפגעשטעלט ווערן דער צענטראלער עירוב, לענגאויס די לענג און די ברייט פון די "הארלי הייטס" אומגעגענט - וואס פארבינדט זיך אויך מיט דעם עירוב אויף די ווירדזשיניע געגנט - און פאָרמירט אַן אמת'דיגן אידישן כאראקטער און עתיד פאר דער גאנצער שטאט.

צווישן תלמידי וחסידי סאטמאר איז ברייט באקאנט די הייליגע דיבורים וואס רביה"ק מסאטמאר זי"ע האט געזאגט בשעת דאס התייסדות פון קרית יואל פאר'ן ראה"ק הרה"ח ר' לייבוש לעפקאוויטש ע"ה אז ער וויל מען זאל אויפשטעלן אן עירוב פאר דער שטאט, נאכזאגנדיג דערביי פון ק"ז הרה"ק בעל יטב לב זי"ע אז דאס איז מסוגל אויף ישועות נפלאות. און ווירקליך איז דאס טאקע געווען פון די ערשטע פראיעקטן וואס איז דעמאלט אויפגעשטעלט געווארן אין קרית יואל לעשות רצון צדיק.

ומעשי אבות סימן לבנים, אויך אין אונזער שטעטל בלומינגראוו האט געהאט די זכי' אז עס זאל אהערגעשטעלט ווערן אן עירוב, וואס איז זיכער א שמירה און א ברכה פאר דער גאנצער שטאט כמבואר בספה"ק, אדאנק די געטרייע און אומערמידליכע ארבעט פון הרה"ג רבי מאיר בערקאוויטש שליט"א, אבד"ק קאריץ, וועלכער האט דאס ערמעגליכט על צד היותר טוב, נישט שפארנדיג קיין פלאג און מיה, געלט און כח, ביז מען האט ב"ה דערגרייכט עד הלום.

בשעתו, ווען מען האט זיך געגרייט צו מתקן זיין דעם עירוב, האט הרה"ג רבי מאיר שליט"א, איבערגערעדט די אלע עניני הלכה וואס זענען נוגע דעם פראקטישן מציאות דערפון, מיט זיין גרויסן זיידן, מגדולי עמודי ההוראה ומזקני

פוסקי דורינו, כ"ק הגאון האדיר מרן גאב"ד קאלסבורג שליט"א, וועלכער האט געגעבן די קלארע הוראות וויאזוי דער עירוב זאל געמאכט ווערן מיט אלע הידורים הלכה למעשה.

ברוב סייעתא דשמיא איז דער עירוב אויפגעשטעלט געווארן בהשגחתו המלאה ובפיקוחו פון האי רב גאון וצדיק, מומחה מובהק לעניני עירובין בכל תפוצות ישראל, הגאון הגדול רבי יחיאל שטיינמעץ שליט"א, וועלכער איז שוין לאנגע יארן נודע ומפורסם בישראל מיט'ן אויפשטעלן און משגיח זיין אויף די עירובין אין מערערע אידישע שטעט און געגנטער, מאנסי, לעקוואוד, בלומינגבורג, מאנטיסעלאו, וואודבארי ווילעס א.א.וו. אינאיינעם מיט זיין זון הרה"ג רבי חיים מאיר שטיינמעץ שליט"א, וועלכער איז דער פאקטישער מנצח על מלאכת בית ה' וועלכע באפאסט זיך מיט די טעכנישע און הלכה'דיגע חלקים אויפ'ן ארט און באגלייט יעדן טריט און שריט בשליחות אביו אז עס זאל אלעס זיין הונדערט פראצענט למהדרין מן המהדרין.

ביי תושבי בלומינגראוו געדענקט זיך נאך גוט די פריידיגע געפילן וואס איז געווען קענטיג אומעטום דעם ערשטן שב"ק ווען מען האט מחדש געווען דעם נייעם עירוב המהודר אין שטעטל, וואס איז געווען די שטארקסטע אויסדרוק איבער דאס מציאות פון בלומינגראוו אלס א געהעריגע "עיר ואם בישראל" מיט אלע אידישע געברויכן, פונקט ווי אין דער אלטער היים.

דער עירוב איז בשעתו אויך באגריסט געווארן דורך די רבני העיר שליט"א, ווי עס געדענקט זיך איז הגה"צ אבד"ק מאורות נתן ראדאוויץ שליט"א דעמאלט אליינס מיטגעגאנגען בטירחא דגופא צו ארויסהעלפן און זיך אומקוקן צו בויען דעם עירוב כדת וכהלכה, און נאכ'ן באטראכן דעם גאנצן עירוב אנגעוואונטשן פאר'ן קאריצער רב צו מצליח זיין מיט דער עבודת הקודש פון פיקוח והחזקת העירוב מדי שבת בשבתו.

(ליינט אין א באזונדערן אפטיילונג אן אויספירליכן שמועס מיט הרה"ג רבי מאיר בערקאוויטש שליט"א, איבער די השתלשלות פון דעם עירוב).

## מחיל אל חיל; דער עירוב אין "לעיק שאור"

שוין א לענגערע צייט וואס עס הערט זיך א פארלאנג פון די אריבער 50 משפחות בליעה"ר וועלכע וואוינען אויף די אנדערע זייט פון דעם ראוד, אין די בליענדע "לעיק שאור" געגנט, וועלכע טענה'ן "למה נגרע", און זענען אויך משתוקק צו האבן א צוגעשטעלטן מהודר'דיגן עירוב פאר דער גאנצער געגנט, צו קענען האבן דעם ריכטיגן עונג שבת און זהירות בהלכות שבת.


א בליק פון די הייעך אויף די הערליכע לעיק שאר געגענט

ווי מערערע ת"ח ויראי ה' האבן אנגעצייגט איז דער צענטראלער עירוב אויך א געוואלדיגער תועלת צוליב דעם וואס זייער אפט פאסירט ליידער אז ביי די קלענערע עירובין וואס יחידים מאכן פאר זיך באזונדער, קען זיך מאכן הארבע שאלות און ערנסטע קולות, וואס קומט פשוט מחסרון ידיעה, ווייל נישט יעדער איז באהאוונט אין די פארצווייגטע הלכות עירובין התלוים בשערה און אודאי איז מען נישט ביכולת צו דורכטון די שווערע שאלות וואס קען פאסירן, דעריבער אין אסאך פעלער טוען שכינים פשוט נאכמאכן איינער דעם אנדערן, אבער צוליב די פארשידענע געאגראפישע חילוקים אין די שטחים פון די הייזער און חצרות קען דאס מערערע מאל אויסמאכן גרויסע חילוקים אין די הלכה לחומרא אדער לקולא.

אידן יראים ושלמים האבן דעריבער שטארק ארויסגעקוקט און געבעטן אז עס זאל שוין באשטימט ווערן איין צענטראלע און סמכות'דיגע עירוב אויך פאר די ארטיגע געגנט, צו פארמיידן מכשולות און צו מזכה זיין אידן מיט א כשר'ן מהודר'דיגן עירוב כנהוג אין אלע אידישע שטעטלעך מקדמת דנא.

## מען שפרינגט אריין אין די פרישע אונטערנעמונג

טראץ דעם וואס אזא פרישער עירוב באדייט א קאסטבארע הוצאה פון פרישע צענדליגער טויזנטער דאללערן, בנוסף צו די הוצאות פון דעם עקזיסטירנדן עירוב, איז עס ווידעראמאל געווען דער פיאנער ומקים העירוב, הרה"ג רבי מאיר בערקאוויטש שליט"א, וועלכער האט זיך אריינגעווארפן אין די הייליגע אונטערנעמונג, געגנצליך שלא על מנת לקבל פרס, צו אויפטרייבן די ריזיגע סכומים, סיי צו אויפשטעלן דעם עירוב צום ערשטן מאל און סיי פאר די קביעות'דיגע השגחה, אויפהאלטן און פאררעכטן דעם עירוב מדי שבוע בשבוע.

מען האט באלד אנגעהויבן אינטענסיוו צו דורכגיין די פראקטישע און הלכה'דיגע דעטאלן צו פארזיכערן אז עס זאל טאקע אהערגעשטעלט ווערן א מהודר'דיגע פראקטישע עירוב וואס זאל דינען דעם גאנצן ציבור אין לעיק שאור. וכמעשהו בראשונה כך מעשהו בשני', אויך דער "לעיק שאור" עירוב ווערט אויפגעשטעלט בהדרכתו ובעידדו פון כ"ק גאב"ד קארלסבורג שליט"א, וואס האט אנגעוויזן געענוי וויאזוי צו פארזיכערן די פרטים און הידורים בהלכה, און אלעס ווערט געפירט לויט זיינע אנווייזונגען.

נאך איידער מען איז צוגעטרעטן צו די פאקטישע 'פלענס' פון אינסטאלירן דעם עירוב האט דער בעל מכשיר פון דעם עירוב, הגאון הגדול רבי יחיאל שטיינמעץ שליט"א, שוין עוסק געווען פונקטליך צו קובע זיין די גבולות פון דעם עירוב לויט די הלכה. אזוי אויך איז בנו הרה"ג רבי חיים מאיר שטיינמעטץ שליט"א שוין עטליכע מאל אראפגעקומען במשך לענגערע שעות צו דורכגיין דעם גאנצן שטח און זעהן גענוי וואו און וויאזוי עס זאל אויסגעשטעלט ווערן דער עירוב מאפע כדי עס זאל זיין מיט'ן גרעסטן הידור וואס איז שייך און מען זאל פארמיידן סיי וועלכע הלכה'דיגע שאלות בהוה ובעתיד.

לשבחם פון תושבי לעיק שאור זאל טאקע דערמאנט דער גרויסארטיגער קאמפיין וואס איז דורכגעפירט געווארן מיט עטליכע חדשים צוריק צווישן די איינוואוינער, צו אויפטרייבן די נויטיגע ריזיגע סכומים וועלכע פאדערן זיך צו אנהויבן דעם פראיעקט. ווירקליך האט דער ציבור זיך אנגערופן מיט א זעלטענע ווארימקייט און געפיל פאר די מצוה נשגבה, א גרויסער


דער קאריצער רב ביים ארומגיין אינאיינם מיט הגה"צ אבד"ק ראדאוויץ שליט"א פאר תיקון עירובין אין בלומינגראוו

ציבור תושבי העיר האט זיך אנגעשלאסן מיט די סומע פון לכה"פ 360 דאללער און אנדערע האבן געגעבן נאך גרעסערע סכומים וואס האט ב"ה געגעבן דעם ריכטיגן שטופ צו קענען אויספירן דעם תיקון עירובין לידי גמר.

לויט די פריע פלענער האט מען פאראויסגעשאצט אז דער פראיעקט וועט אפקאסטן די סומע פון נאנט צו 20 טויזנט דאללער, וואס וואלט זייער שווער געמאכט דאס צו דורכפירן פאר אזא הון תועפות, אבער נאכ'ן איבערגיין די גאנצע מאפע האט דער בעל מכשיר, הגאון רבי יחיאל שטיינמעץ שליט"א, אנגעצייגט אז מען זאל ענדערש מאכן אן אנדערן פלאן וואס וועט שניידן די הוצאות אויף העלפט, און אזוי האט מען זיך טאקע גענומען מיט א פלייס צום קומענדיגן שטאפל, ארגאנזשירן אלע נויטיגע פארמאליטעטן און פראקטישע דעטאלן צו קענען אויפשטעלן דעם עירוב ממש אין די קומענדיגע געציילטע וואכן.

בלויז די ערשטע אקטיוועטעטן צו אנגרייטן דעם באדן פאר דעם עירוב, ווי צב"ש, דאס מעסטן דעם בארג אראפ פון "לעיק שאור", ארייגעבן די 'פלענס' פאר די עלעקטעריק פירמע או. ענד אר. א.א.וו. האט שוין אפגעקאסט עטליכע טויזנט דאללער. און אצינד גרייט מען זיך צו אריינשפרינגען אין די פאקטישע אויפבוי פון דעם עירוב וואס אלעס אינאיינעם וועט דאס אפקאסטן א געשאצטע 10 טויזנט דאללער, וואס א גרויס חלק דערפון איז שוין ב"ה געשאפן געווארן און דאס איבעריגע קוקט מען ארויס אז תושבי העיר זאלן זיך אנשליסן מיט זייער תרומת הקודש פאר דעם זכות נפלא אשר לאו בכל יומא מתרחש כגון דא.

ווי דער קאריצער רב שליט"א צייגט אן איז מען נאך קריטיש וויכטיג אנגעוויזן אויף עטליכע טויזנט דאללער וואס זאל געבן דעם ענדגילטיגן גמר און ערמעגליכן אז מען זאל קענען צוטרעטן צו די מלאכת הקודש מיט'ן פולסטן שוואונג און פלייס צו קענען מזכה זיין אידישע קינדער מיט א כשר'ן עירוב בתכלית ההידור.

עס איז אצינד אפן די געלעגנהייט פאר ישראל קדושים וועלכע שטרעבן צו ארויסהעלפן פאר אזא דבר נשגב וואס איז מסוגל פאר אלע ערליי ישועות און ברכות, צו קויפן גרעסערע זכותים וואס וועט זיי באגלייטן שטענדיג. גלייכצייטיג ווילן די חשוב'ע עסקנים פון דער "לעיק שאור" געגנט אנרופן די אלע תושבים און נדיבי לב וועלכע האבן שוין פארשפראכן סכומים אבער זענען נאכנישט אנגעקומען דאס צו איבערגעבן, און אצינד וועט מען דאס אפנעמען כדי צו קענען מזרז זיין די מלאכה בעוד מעוד.

"דאס איז זיכער" - באטאנען די עסקנים - "אז עס הערשט א ווארימקייט ביים ציבור פאר'ן עירוב, יעדער פארשטייט דאס נחיצות און יעדער וויל אז דאס שוין צושטאנד קומען ווי אמשנעלסטן, דעריבער איז אויך זיכער אז מען וועט אי"ה אויפטרייבן די נויטיגע סכומים און אין געציילטע וואכן וועט 'בלומינגראוו' קענען שטאלצירן מיט איר צענטראלע עירוב לענגאויס אלע געגנטער, ימה וקדמה צפונה ונגבה!".

## זה שיר שבח של יום השביעי!


byldit.
BYLDITNY.COM

we just build.


NEW CONSTRUCTION


RENOVATIONS


ADDITIONS

BERRY & MOSHE SHEA POSEN

845 400.BYLD 2953
INFO@BYLDITNY.COM

# מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת

## אין אַן אויספירליכע און אפנהארציגע שמועס

## הרה"ג רבי מאיר בערקאוויטש שליט"א

## אב"ד קאריץ

### איבער דעם פארצווייגטן און נאבעלן אונטערנעמונג פון אויפשטעלן און באגלייטן דעם "עירוב המהודר" בתוככי עירנו המעטירה תחת השגחת הגאון רבי יחיאל שטיינמעץ שליט"א

## דאס גרויסקייט און חשיבות פון תיקון עירובין אין אידישע שטעט

באלד ווי מען האט זיך ב"ה אהערגעצויגן אין דעם ישוב מיט אומגעפער צוויי און אהאלב יאר צוריק, ווען "בלומינגראוו" איז נאך געווען ווייט אפגערוקט פון די היינטיגע בליענדע "בלומינגראוו", אבער שוין דעמאלט האט מען באלד געקלערט און געהאפט צו אוועקשטעלן א תיקון עירובין וואס זאל ארומנעמען דעם גאנצן געגנט, אויף א לכתחלה'דיגן און קביעות'דיגן אופן.

ס'איז דאך באקאנט דאס ווארט פון בעש"ט הק' אויפ'ן פסוק "בזעם תצעד ארץ", אז די ראשי תיבות פון בזע"ם איז ז'ביחה ע'ירובין און מ'קוואות, וואס די דריי זאכן זענען די סאמע יסודות אויף וואס די וועלט שטייט און אודאי אזוי אז ווען אידן ציען זיך אריין אין א נייע ישוב דארף דאס זיין פון די וויכטיגסטע פראיעקטן פאר'ן כלל, למען קדושת השב"ק.

אזוי פסק'נט אויך דער הייליגער חתם סופר אין די תשובות ( או"ח סימן צ"ט) אז יעדע אידישע געגנט איז "מחיוב" צו מתקן זיין אן עירוב כדי דער המון עם זאל נישט נכשל ווערן מיט הוצאה אום שב"ק, ווי ער שרייבט בלש"ק אז דאס איז "מן השכל ומן המבואר להדיא בדברי חז"ל וכו'", און ער פירט אויס מיט שארפע ווערטער אז "**הדבר מוטל על הרב הת"ח שבעיר לתקן המבואות ואם לאו מכשול וקולר העם על צווארו**". עיי"ש באריכות.

בפרט האב איך אסאך זוכה געווען צו הערן פון מיין גרויסן זיידן, הגאון הגדול בעל אגלי דבש ודומ"ץ קרית יואל שליט"א, וויפיל רביה"ק זי"ע האט געוואלט און מעורר געווען באלד אין די ערשטע תקופה נאכ'ן זיך ציען קיין קרית יואל איבער דאס נחיצות פון מתקן זיין אן עירוב און דער רבי האט דעמאלט געזאגט גרויסע הפלגות איבער די סגולה און ברכה וואס דאס איז משפיע פאר די גאנצע שטאט.

## די "התחלות קשות" אין די ערשטע תקופה

למעשה האט זיך עס כסדר אפגעשטיפט און געשלעפט צוליב דעם וואס עס האט אויסגעקוקט ווי אן אומגעהויערע אונטערנעמונג וואס מען קען זיך נישט אונטערנעמען.

אין דער צווישן צייט האבן אסאך מענטשן זיך געמאכט פריוואטע עירובין פארנט פון זייערע הייזער, וואס ווי פארשטענדליך איז דאס נישט אלעמאל געווען שטארק לכתחלה'דיג מילד גערעדט. אפט האבן שכינים פשוט נאכגעמאכט איינער דעם אנדערן נישט וויסנדיג געהעריג די הלכות מיט וואס דאס איז פארבינדן, וואס האט געברענגט מכשולות. ס'איז געווען דא טאקע א חשוב'ער איינגערמאן וואס האט בשעתו פרובירט צו מעורר זיין דערוועגן און אפילו ארויסגעגעבן א קונטרס מיט די נויטיגע הלכות, אבער פארט האט זיך אנגעזען א שטארקע הזנחה אין דעם ענין, צוליב חסרון ידיעה.



די ספרים צימער פונעם קאריצער רב - מערקט די זכוי הפת מצה אויפן שאנק

ערגעץ אין די זומער חדשים פון שנת תשע"ח לפ"ק, איז נולד געווארן א פרישער פלאן, דורך די קאנטרי האלאו עסקנים, צו אויפשטעלן א ריזיגן צענטראלן עירוב פאר אלע געגנטער אינאיינעם. מען האט אנגעהויבן ערנסט עוסק זיין דערינען און מען האט שוין אינוועסטירט אסאך מחשבה און צייט דאס צו דורכפירן אבער למעשה האט מען זיך דערזען אז אזא עירוב וועט דארפן דעקן א גוזמא פון א שטח, צווישן 15- 20 מייל, וואס איז ממש כמעט אומאויספירבאר, און דעריבער איז אויך דער פלאן בטל געווארן, צו די אנטוישונג פון תושבי השכונה, וועלכע האבן אזוי ארויסגעקוקט אויף א כשר'ן עירוב, בפרט אין די זומער חדשים ווען די פרויען האבן נישט געקענט געהעריג ארויסגיין פון שטוב געניסן פון די שיינע וועטערס א.א.וו.

## מען הייבט אָן די ערנסטע פלענער פאר אַן עירוב אין שטעטל

דאס האט זיך אזוי געצויגן ביז פאראיאר אין די ענדע ווינטער חדשים, ווען עס איז דא צופעליג באזוכט א טייערער איד וועלכער האט געמאכט דעם עירוב אין וואדריזש, הרב ראובן נחום לעווין נ"י. ער האט זיך זייער געוואונדערט וויאזוי אזא שיינע אידישע שכונה שטייט שוין עטליכע יאר אן קיין עירוב, ער האט זיך אנגעהויבן נאכפרעגן אויב מען האט שוין אמאל עוסק געווען דערינען און אזוי איז ער אנגעקומען צו מיין נאמען. מיר האבן זיך אוועקגעזעצט און אנגעהויבן פלאנירן א פרישן מהלך וויאזוי מען קען יא צושטאנד ברענגען אן עירוב דא אין שטאט.

זיך האבנדיג געלערנט אויף די פריערדיגע דורכפעלער וואס זענען בעיקר געווען ווייל מען האט פלאנירט צו גרויסע אומרעאליסטישע פלענער, האבן מיר באשלאסן אז מען וועט אי"ה אריינשפרינגען אין א פראיעקט צו אויפשטעלן אן עירוב, אבער טאקע בלויז אויף די געגנט פון "וואורלי הייטס". דאס איז שוין געווען נאכדעם וואס די ווירדזשיניע אומגעגנט, האט שוין פאקטיש געהאט אן עירוב מיט א צייט פריער, דעריבער האבן מיר אנגעהויבן ארבעטן אויף אן עירוב אויך אויף דער זייט בלומינגראוו.

איך האב זיך ב"ה אריינגעווארפן אין דעם אונטערנעמונג מיט'ן גאנצן פלייס. צוערשט האט מען געדארפט אויספלאנירן די מאפע פון דעם עירוב און באטראכטן אויב עס איז בכלל שייך דאס צו אהערשטעלן פאר אלע גאסן פון דער געגנט. נאך לענגערע שעות פון ארומגיין און אויס'חשבון'נען אלע סארט פלענער און מהלכים

איז מען ב"ה אויפגעקומען מיט א פראקטישן פלאן, צו ארייננעמען דעם גאנצן שטח פון מענגין ראוד ביז מאונטן ראוד, אין איין גרויסן מהודר'דיגן עירוב, בעיקר דורך זיך באנוצן מיט די עלעקטעריק פאולס פון דער "או. ענד אר." פירמע, אויף זעלבן שטייגער ווי עס זענען געמאכט געווארן די מהודר'דיגע עירובין אין מערערע אידישע געגנטער דורכאויס די גאנצע אפסטעיט, ווי מאנסי, קרית יטב לב בלומינגבורג, מאנטיסעלא און אצינד אויך אין ליבערטי, און נאך אידישע געגנט.

## עס בויעט זיך אַן 'עירוב'; פארהאנדלונגען און אפמאכן מיט די עלעקטעריק פירמע

אזוי איז מען באלד צוגעטרעטן צו דער עבודת הקודש, וואס איז פון די ערשטע מינוט געפירט געווארן דורך הגאון רבי יחיאל שטיינמעץ שליט"א, וועלכער איז דער פולקאמער בעל מכשיר בהשתדלות בנו הרה"ג רבי חיים מאיר שליט"א. מיר האבן אראפגערופן דעם גענייטן בוי מייסטער לעניני עירובין הרב אברהם סנדר גאלדבערגער שליט"א, מגי"ש בישיבת דסאוט פאלסבורג ומשגיח עירובין וואדריטש - מאנטיסעלא, וועלכער האט אינסטאלירט די צוימען מיט די לחי'ס איבעראל וואו עס האט זיך געפאדערט צו "אויספולן" די לעכער, נעמליך אויף די אלע פלעצער וואו עס איז נישט פארהאן די ווייער'ס פון די עלעקטעריק פירמע. דאס אויפשטעלן די אלע צוימען איז געווען א קאסטבארע פראיעקט וואס האט אריינגעצויגן אין אסאך געלט אבער ס'איז געווען די ריכטיגע זאך צו פארזיכערן אז דער עירוב איז טאקע געמאכט מיט'ן שענסטן הידור.

ווען דאס איז געווען פארטיג האבן מיר געדארפט באקומען ערלויבעניש און א פארשטענדעניש מיט די 'או. ענד אר. פירמע' וואס זאלן אונז ערלויבן זיך צו באנוצן מיט זייערע עלעקטעריק פאולס פאר די לחי'ס דורכאויס די גאנצע עירוב מאפע.

מיר האבן זיך דעריבער אראפגעזעצט מיט דעם וויצע פרעזידענט פון 'או. ענד אר.' און ראקלענד קאנטי און ערקלערט אונזער בקשה. זיי האבן זיך שיין צוגעשטעלט אדאנק א פאליסי פון די פירמע אז פונקט ווי זיי פארדינגען זייערע עלעקטעריק פאולס פאר די פירמעס פון 'אפטימים', 'פראנטער' א.א.וו. פארדינגען זיי אויך זייערע שטאנגען פאר עירובין, ס'איז פאר זיי נאך א מיטל צו פארדינגען גרינג געלט.

דער וויצע פרעזידענט האט זיך אבער אויסגענומען און פארלאנגט א רייע פון תנאים, צום אלעם ערשט האבן מיר געדארפט אויסשטעלן א פעימענט פלאן צו באצאלן מאנאטליך פאר יעדן עלעקטעריק פאול וואס ווערט באנוצט. מיר דארפן אנצייכענען און אריינשיקן די נומער'ן פון יעדע שטאנג מיט די פרטים וואו און וויאזוי עס שטייט, און אויך האבן מיר געמוזט צושטעלן א קראנטע 'אינשורנס פאליסי' אויב עס פאסירט אז א שטאנג ווערט געשעדיגט אדער א לחי פאלט אראפ וכדומה.

געווען איז דאס טאקע א באזונדערע אונטערנעמונג צו ארומגיין במשך עטליכע טעג פאר לענגערע שעות, כאפן בילדער פון יעדע עלעקטעריק פאול וואס מיר וויל נוצן, און אראפשרייבן די גענוי נומערן פון יעדע פאול באזונדער. דאס האבן מיר אריינגעשיקט פאר די פירמע און נאך א סעריע אימעילס אהין און צוריק האט מען בשעה טובה ומוצלחת האבן מיר געסיינט קאנטראקט מיט די פירמע און זיי האבן אפיציעל באשטעטיגט "קאנג. אמרי פנחס" אלס די אייגנטומער פון דעם עירוב.

## אַן אייגענע עירוב מיט א לאקאלע צוגענגליכע ווירטשאפט

א באזונדערע סייעתא דשמיא איז דער פאקט אז אונזער עירוב זאל זיין אויף א נאמען פון א לאקאלע קערפערשאפט, די מעלה פון אונזער מהלך איז אז מען קען צו יעדע צייט אראפנעמען און צולייגן עלעקטעריק פאולס צו די ליסטע, אן דארפן דורכגיין לענגערע ביוקראטיע.



מערקט די שווארצע לאנגע לחי שטאנגען וואס דער רב האט צו יעדער צייט גרייט פארן הידור ותיקון העירוב

צ.ב.ש. אצינד ווען מען גרייט זיך צו פארברייטערן דעם עירוב צו די "לעיק שאור" געגנט - ווי שפעטער אויסגעשמועסט - קען מען דאס ב"ה גרינג ערלעדיגן, דורך פשוט אריינשיקן פאר די פירמע די נומער'ן פון אלע עלעקטעריק פאולס וואס מיר ווילן צולייגן און דאס ווערט באשטעטיגט אויטאמאטיש. ס'איז א לאקאלע אייגענע ווירטשאפט וואס מאכט אלעס פיל מער צוגענגליך און פראקטיש.

## הגאון רבי יחיאל שטיינמעץ שליט"א שטעלט אויף דעם עירוב כהלכה

באלד נאכ'ן ערהאלטן די פערמיטן איז מען צוגעגאנגען צו די פאקטישע עבודת הקודש פון אויפשטעלן די לחי'ס איבעראל, א הייקעלע ארבעט וואס איז אנגעפירט געווארן דורך דעם רב המכשיר שליט"א, דורך בנו הרה"ג רבי חיים מאיר שליט"א, וועלכער האט אסאך טעג און אומצאליגע שעות פארברענגט צו אויסארבעטן יעדן דעטאל לויט די הלכה און לויט די פונקטליכע הוראות פון זיין פאטער שליט"א, וועלכער איז אויך געקומען צופארן אבזערווירן די ארבעט פון דער נאנט.

בדרך אגב, אין איינע פון די שמועסן האט הגאון רבי יחיאל שליט"א מיך פארציילט וויאזוי ער האט אנגעהויבן די הייליגע ארבעט פון מתקן זיין עירובין, געווען איז דאס שוין מיט נאנט צו 50 יאר ווען הגה"ק מוויזניץ מאנסי זצ"ל האט אים געבעטן אז ער זאל אויפשטעלן און מפקח זיין אויף אן עירוב ארום דער וויזניצער ישיבה אין מאנסי. דער עירוב האט זיך צוביסלעך אויסגעברייטערט אויך צום וויזניצער בית המדרש און פון דארט צו די ארומיגע גאסן, צוביסלעך אינאיינעם מיט די וואוקס פון מאנסי איז דער עירוב אויך מיטגעוואקסן ארום די גאנצע "כתר" ווילעדזש און דערנאך ארום גאנץ מאנסי.

מיט אריבער 15 יאר צוריק, ווען מאנסי האט זיך שוין אויסגעברייטערט אויף א ריזיגן פארנעם איז ארויפגעקומען די הצעה צו מאכן דעם עירוב דורך די עלעקטעריק שטאנגען פון די או. ענד אר. פירמע.

דעמאלט איז הגאון רבי יחיאל שליט"א אראפגעפארן קיין ארץ ישראל וואו ער איז געזיצן מיט'ן דעמאלטיגן בית דין פון ירושלים עיה"ק, צווישן זיי הגאון האדיר רבי מאיר בראנדסדארפער זצ"ל, הגאון הגדול רבי יעקב בלוי זצ"ל, הגאון הגדול רבי אברהם דוד הורוויץ זצ"ל און די אנדערע חברי הבד"ץ. אזוי אויך ער האט דאס איבערגערעדט מיט הגאון בעל שבט הלוי זצ"ל, וועלכע האבן אלע אנגעוויזן גענוי וואס און וויאזוי דאס צו דורכפירן אז עס זאל זיין הונדערט פראצענט אויסגעהאלטן לויט אלע שיטות והידורים. און טאקע אויף דעם סמך און לויט זייערע הוראות האט ער דאס געבויעט אין מאנסי, און דערנאך אויף דעם זעלבן שטייגער אין אלע אנדערע אידישע געגנטער, לשם ולתפארת ולמהדרין מן המהדרין.

אלענפאלס, צוריק צו אונזער עירוב, במשך די לאנגע וואכן פון אימערמידליכע ארבעט צו אינסטאלירן די פילע לחי'ס האב איך אויך געהאט די זכי' צו דורכרעדן די אלע ענינים בהלכה מיט מיין חשוב'ן זיידן מגדולי פוסקי דורינו, דער קאלסבורגער רב שליט"א, וועלכער האט אנגעוויזן אויף מערערע תיקונים און הידורים וואס מיר האבן אויסגעפאלגט ובעצתו תנחינו אויף טריט און שריט.

ווען מען האט שוין געהאלטן ממש ביי די לעצטע פאזע פון די ארבעט האבן מיר אויך געהאט צוגאסט הרה"ג רבי יואל קאהן שליט"א, ראש חבורת הלכות עירובין אין מבצר הכוללים ד'קרית יואל ומרבני ועד העירוב אין קרית יואל, וועלכער איז אריבערגעקומען אינאיינעם מיט די גאנצע חבורה אינגעלייט תלמידי חכמים וועלכע זענען גרינטליך דורכגעגאנגען דעם גאנצן שטח פון דעם עירוב, א שפאציר פון אומגעפער אריבער 4 שעות לאנג. די ת"ח הבקיאים בהלכות עירובין האבן אלע אויסגעדרוקט זייער התפעלות פון דעם מהודר'דיגן עירוב און האבן גלייכצייטיג מוסיף געווען זייערע הערות וואו און וויאזוי מען זאל נאך פארבעסערן אז עס זאל טאקע זיין בכלילת ההידור והכשרות, וואס מען האט פארשטייט זיך טאקע באלד דורכגעפירט על צד היותר טוב.

**ליינט קומענדיגע וואך בעז"ה די ווייטערדיגע אינטערסאנטע שילדערונגען איבער די התייסדות העירוב דא אין בלומינגראוו מאז ועד היום און איבער די פרישע גרויסציגיגע פלענער פון הרחבת גבולי העירוב צו די "לעיק שאור" געגנט**

אַשְׁרֵי כׇּל יְרֵא ה׳ הַהֹלֵךְ בִּדְרָכָיו:

# לעכטיגע טעג פאַר משתתפי הנסיעה מיט געהויבענער מסע קודש פון כ"ק אדמו"ר מצאנז-זמיגראד שליט"א אין ארה"ק

**נפשות ישראל בצל כנפיך יחסיון: אומפאַרגעסליכער שבת נועם הנשמות געפּראַוועט בצל הקודש פון רבי'ן שליט"א באתרא קדישא "מירון" להגדיל תורה ולהאדירה: פּראַכטפולער מעמד "קבלת פנים" אין ירושלים עיה"ק אינאיינעם מיט מעמד הכתרה "ידין ידין" פאַר רבני הכולל צאַנז-זמיגראַד**

## עיני ולבי שם: רגשי קודש ביי משתתפי הנסיעה תושבי עירנו, ווען דער רבי שליט"א דערמאַנט בשעת'ן פוקד זיין די ציונים הקדושים אינעם גליל העליון, אז ער איז מתפלל און האָט אינזינען באופן מיוחד אנ"ש תושבי העיר בלומינגראָוו און איז מתפלל פאַר הצלחת עירנו בכלל ובפרט • ברכות צדיק יעשו רושם!




די רבי שליט"א איז פוקד ציון האר"י הק' אין די מקומות הק' בבית העלמין העתיק צפת



באתרא קדישא מירון



אויף די גאסן פון עיה"ק צפת










מעמד קבלת פנים והכתרת ידין ידין לרבני כוללי "היכל הוראה" צאנז זמיגראד




סוד שיח: באזוכן ביי כ"ק הגאון הצדיק רבי יעקב מאיר שכטער שליט"א וואס איז מקבל פנים דעם רבי'ן שליט"א בהערצה יתירה





גרויסער מעמד הדלקה מיט התרגשות נאכ'ן שבת התעלות אין אתרא קדישא מירון

# אונזער וויזיע

## די פּאָזיטיווע אַגענדע פון פאַראייניגטע בלומינגראָווער איינוואוינער

### אויף וואָס מיר קוקן אַרויס צו אַרבעטן מיט אַ נייע סימפּאַטישע אַדמיניסטראַציע

### פאַר אַ בעסערן עתיד אין אונזער שטאָט בלומינגראָוו

ווי די בעפּאָרשטייענדע וואַלן ווערן נאָענטער, אַלץ מער שיילט זיך ארויס וואָס פאַר אַ קריטישע ווענדפונקט דאָס באַדייט פאַר אונזער שטאָט און אונזערע משפחות. תושבי עירנו הייבן זיך אָן צו מאָביליזירן אַרויסצוברענגען אונזער מאַקסימום פאַראייניגטן און באחדות׳דיגן וואַל-כח, צו פאַרזיכערן אַז מיר וועלן אַריין אַ רעגירונג וואָס וועט זיין געטויגט לטובתינו און "אַרבעטן פאַר די שטאָט".

צו דער זעלבער צייט באַדייט דאָס, אַז מיר, די שלוחי הציבור, וואָס רעפּרעזענטירן בעז"ה אַלע קהלות הקודש אין שטאָט, בשליחות פון אַלע איינוואוינער און משפחות, דאַרפן אַרויסלייגן אַ "וויזיע"; וואָס טוען מיר ערוואַרטן, וואָס טוען מיר פאַרלאַנגען, פון די קומענדיגע אַדמיניסטראַציע, וואָס וועט אונז בעז"ה מיט׳ן כח האחדות געלונגען אַריינצואוועלן אין ווילעדזש-האָל.

דאָס אַז ביז היינט האָט ׳נישט געטויגט׳ ווייסן מיר שוין אַלע. אַז די יעצטיגע אַדמיניסטראַציע איז נישט סימפּאַטיש – מילד גערעדט – צו אונזער ציבור איז היינט קלאָר ביי יעדן. די פּראָבלעמען זענען דורכזיכטיג, און ס׳שטערט די איינוואוינער אויף אַ טאָג-טעגליכן פארנעם. יעדער קוקט אַרויס אויף אַ בעסערן מאָרגן.

אָבער, אונזער ציל איז נישט צו באַדויערן דעם עבר, נישט צו זיך באַקלאָגן אויפ׳ן הוה – נאָר מיר זענען דאָ, מיט אַן אויסשליסליכן פּאָזיטיוון ציל: צו פאָרברייטן אַ בעסערן עתיד בעז"ה!

יעצט, וויאַזוי קען מען דאָס צושטאַנד ברענגען? לאָמיר זאָגן מ׳האַלט שוין ממחרת ה׳וואַלן, און יאָ, יהדות בלומינגראָוו האָט אַרויסגעברענגט איר וואַל-קראַפט, דער זיג הילכט אָפּ, ס׳איז בעז"ה געלונגען אַריינצוברענגען אין אַמט אונזערע אינדאָרסירטע קאַנדידאַטן – איז וואָס ווילן מיר ווייטער? וואָס איז די אַגענדע וואָס מיר קוקן אַרויס זיי זאָלן אַרבעטן?

וואָס איז דער אויסקוק פונעם ציבור, פאַרטרעטן דורך די עסקני הציבור, אַז מ׳זאָל בעז"ה קענען באַווייזן דורכפירן מיט אַ באָורד און מעיאָר וועלכע וועלן זיין פריינטליך צו די איינוואוינער, סימפּאַטיש צו די משפחות און וויליג צו אַרבעטן מיט די קהלות?

אָט לאָמיר אייך פאָרשטעלן די "פּאָזיטיווע אַגענדע", וואָס מיר האָבן צונויפגעשטעלט, אַלס די הויפּט-טעמעס וואָס אינטערעסירן די איינוואוינער, און מיר קוקן אַרויס אַז אונזערע פאָרשטייער זאָלן דערויף זיך קאָנצענטרירן דורכאויס די קומענדיגע יאָרן אין אַמט, צו מאַכן אונזער שטאָט אַלס אַ בעסער פלאַץ צו וואוינען און דערין דערציען אונזערע קינדערלעך, רואיג און באַקוועם, בעז"ה.

- ריינע וואַסערן
- רעסטאַווירן די 70-יאָר אַלטע סוער-סיסטעם
- פאַרריכטן די פּאַבליק אינפראַסטרוקטור
- פאַרריכטן די לאָקאַלע ראָודס
- אויפהערן די אומניצליכע ספּענדונגען
- נידערן די הויכע שטייערן
- יושר׳דיג איינטיילן די שטייערן פאַר אַלע איינוואוינער
- עכטע, עפעקטיווע פירערשאַפט אין אָפיס
- איבערמאַכן די פּאַרקינג רעגולאַציעס
- איינציגע יושר׳דיגע באַהאַנדלונג פאַר אַלע איינוואוינער
- האָבן אָפענע אויערן פאַר די פאַרלאַנגען פון אונזערע קהלות

אין דעם קאָלום "אונזער וויזיע" וועלן מיר דורכאויס די **קומענדיגע וואָכן** ברייטער אויסשמועסן יעדן פון די דערמאַנטע טעמעס וואָס ליגט אויף אונזער אַגענדע, צו אַרבעטן אינאיינעם מיט תושבי עירנו און די רעגירונגס-אינסטאַנצן דאָס דורכצופירן לטובת תושבי עירנו בעז"ה.

ובשם ה׳ נעשה ונצליח!



# דאָס וואָרט פון אונזעַרע געַטרייע פאַרטרעטער

אינהאלטסרייכע שמועסן און גריסן מיט די טייערע שלוחי דרחמנא ושלוחי דידן, די איבערגעגעבענע 'באורד מעמבער', וועלכע שטייען גרייט צו העלפן, צו פארטרעטן און צו באגלייטן אונז אלע, יעדן בלומינגראָווער איינוואוינער, בכל עת מצוא

## שמועס מיט האי איש כשרון וכביר המעש, האברך היקר

## מוה"ר יושע אלימלך ביטמאן הי"ו

## אקטיווער און געטרייער באורד מעמבער אין "יו.דזשעי. סי."

**שלום וברכה ר' יושע אלימלך הי"ו, עס איז אונז - און פאר אלע תושבי העיר - א פארגעניגן צו הערן פון אייך מהנעשה והנשמע, דעטאלן און פרטים, איבער די הייליגע מיסיע און די ווייטגרייכענדע פעולות פון דער "יו. דזשעי. סי." קאמיטע, למעננו ולמען שכונתינו.**

**אליזא, אלס אקטיווער מיטגלידער אין דער קאמיטע, טיילט אונז מיט אייערע איינדרוקן אויף די פראגרעסירנדע עבודת הקודש פאר די הצלחה און פאר די עתיד פון אונזער באליבטע געגנט ?**

איך וועל אייך זאגן דעם אמת. מתחלה ווען די באורד איז געגרינדעט געווארן מיט עטליכע חדשים צוריק דורך אלע קהלות קדושות און בתי מדרשים דא אין געגנט, בין איך פערזענליך געווען היבש סקעפטיש איבער די הצלחה פון אזא סארט אונטערנעמונג. מיר ווייסן דאך דעם אלטן כלל פון "צוויי אידן - דריי דעות"... בפרט אז בלומינגראוו איז דאך א ריכטיגע "עיר ואם בישראל" מיט אלע ערליי אידן, פון מערערע קהלות און קרייזן, און דא רעדט מען פון אזא באורד וואס טוט פאראייניגען די גאנצע שטאט מיט אן אחדות און פארשטענדעניש. עס האט אויסגעקוקט ווי א חלום וואס איז "צו גוט צו זיין אמת".

ב"ה אז איך בין געווארן אנטוישט... מען קען זאגן בפה מלא אז בלומינגראוו האט באוויזן עפעס וואס איז נישטא אין די גאנצע וועלט. אז אזויפיל היימישע אינגעלייט, פון אלע קהלות און פון אלע בתי מדרשים, האבן זיך צוזאמגעשטעלט מיט א ווארימקייט, מיט א ברידערליכקייט, צו ארבעטן האנטביי האנט פאר די הצלחה און וואוקס פון די געגנט, צו פארזיכערן אז אונזער שטאט בלייבט אידיש און ערליך, צוגעפאסט פאר אונזער לעבנס שטייגער לויט די הוראה פון די רבנים שליט"א.

ס'איז באמת א חידוש נפלא וויאזוי די באורד אפעריר מיט אזא ווארימקייט און געטרייִשאפט דינענדיג אלס א 'סעמפל' פון חסד און ברידערליכע ליבשאפט צווישן אידישע קינדער. און דא רעדט מען פון אידן וואס זענען פארנומענע מענטשן, יעדער פון די באורד מיטגלידער ארבעט שווער דורכאויס דעם טאג, אבער מען רייסט זיך אפ פון די קאסטבארע צייט און מען גיט זיך איבער "לייב און לעבן" פאר די טובה און די אינטערעסע פונעם ציבור. איך האלט עס מיט פערזענליך ווי מען איז ממש מקריב טעג און נעכט פאר דעם תכלית הנרצה, און האפענטליך וועט מען טאקע זען די געבענטשטע רעזולטאטן פון די געטרייע ארבעט וואס יעדער תושב בלומינגראוו איז אזוי מחשיב.

**אין די לעצטע טעג האלט דער היזיגער ציבור מיט איינס פון די פילזייטיגע פראיעקטן פון דעם 'באורד', וויאזוי עס ווערט ב"ה פארענדיגט און ערגענצט די "שאורט קאט" צווישן גרין רד. און מעגין רד. כדי עס זאל זיין עס זאל זיין פארזיכערט און צוגעגליך פאר די ווייטערדיגע באנוץ אין אלע וועטער'ס און צייטן. וואס איז די לעצטע אפדעיט איבער דעם פראיעקט ?**

דאס איז באמת א הערליכע אונטערנעמונג, די ערשטע און וויכטיגסטע פאר א אידישע שטעטל. וברם יזכרו לטוב די טייערע אידן וועלכע האבן בשעתו, אין די 'בראשית יארן' פון בלומינגראוו, זיך באלד אריינגעווארפן אין דעם הייליגן פראיעקט, אין שפיץ פון הרה"ח רבי מענדל ראזנבערג שליט"א מיט די אנדערע חשוב'ע אינגעלייט, חסידים ואנשי מעשה תושבי העיר, וואס האבן דאס דעמאלט ערמעגליכט און צוזאמענגעשטעלט דאס געלט דערפאר.

ווי דער עולם האט דאך מיטגעהאלטן איז דער 'שארט קאט' צוגעשפארט געווארן אין די יעצטיגע ווינטער חדשים צוליב די סכנה אז מען זאל נישט געשעדיגט ווערן פון שניי און גליטש, וואס איז געקומען וויבאלד דער וועג איז נאך קיינמאל נישט פולשטענדיג ערגענצט געווארן מיט א דאך און אלע אנדערע נויטיגע איינריכטונגען. יעדער פארשטייט וואס דאס מיינט פאר א אידישע געגנט אז מען זאל האבן לייכטע צוטריט דורך דעם 'שארט קאט' און מען איז טאקע דאנקבאר פאר די קאמיטע מיטגלידער וועלכע האבן גענומען פאר א העכסטע פראיאריטעט דאס צו פולקאם פארענדיגן עס זאל קענען באנוצט ווערן שטענדיג.

מיט גרויס סייעתא דשמיא פראגרעסירט די ארבעט ממש מיט טעגליכע פארשריט דורך די געטרייע שטאב פון די "..." פירמע, דורך ידידינו הר"ר ... גרינהוט הי"ו, צו אהערשטעלן און אקטיוויזירן דעם גאנצן וועג מיט אלע באקוועמליכקייטן און זיכערהייט מאסנאמען אויפ'ן בעסטן פארנעם.

עס איז שוין פאקטיש פארענדיגט געווארן דער גאנצער האלצערנער דאך לענגאויס אלע שטיגן, וואס טוט עפעקטיוו באשיצן און פארזיכערן דעם גאנצן וועג פון גליטש און אייז, "לצל יומם מחורב ולמחסה ולמסתור מזרם וממטר", און לויט די פלענער וועט די ארבעט פארזעצן צו אינסטאלירן פראקטישע צוימען און אזוי אויך עלעקטערישע לאמפן צו באלייכטן דעם גאנצן שטעגל מיט פראכט.

און רעדנדיג פון דעם 'שארט קאט' דארף געוויס דערמאנט ווערן די טייערע שכינים, הרה"ח רבי אלעזר צבי ווייס הי"ו , הרה"ח רבי שאול יודא מענדלאוויטש הי"ו און האברך מוה"ר יצחק פעלדמאן הי"ו, וועלכע געבן אוועק פון זייער פריוואטע פראפערטיס צו ערלויבן דעם 'שארט קאט', דאס איז נישט קיין זאך וואס "קומט אזוי" אבער זיי זענען מסכים דערצו מיט אזא תשואת חן וחפץ לב, וואס ברענגט ארויס פון נאך א קוק ווינקל די ווארימקייט און הארציגקייט וואס בלומינגראווער אידן ווייזן ארויס איינער פאר'ן אנדערן, מען פארגינט זיך און מען איז מסכים צו אוועק געבן פון די אייגענע באקוועמליכקייט און פריוואטקייט פאר דעם "טובת הציבור", זאל זיי השי"ת באצאלן כפעלם הטוב.

בדרך אגב, דאס נחיצות פון ערגענצן דעם 'שארט קאט' איז ווידעראמאל געקומען צום אויבערפלאך דעם פארלאפענעם שב"ק פרשת וארא העעל"ט, ווען די מקוה פון בית המדרש 'מאורות נתן ראדאוויץ' האט נישט געקענט באנוצט ווערן צוליב אן אומפאראויסגעזעענע טעכנישע סיבה, און צענדליגער אידן פון די גאנצע אומגעגנט האבן געמאכט דעם שפאציר ביז צום בית המדרש 'צאנז זימיגראד', דורך דעם 'שארט קאט' וואס איז שוין ב"ה באשיצט מיט דעם דעכל, וואס דאדורך האט מען געקענט רואיג אראפגיין און ארויפגיין דעם בארג אָן קיין פראבלעמען פון גליטש און אייז. אזוי ארום אז די ארבעט האט זיך שוין אויסגעצאלט אין די ערשטע וואך פון דעם רענאוואציע פראיעקט...

**זייענדיג א מתפלל קבוע אין דאס בית המדרש 'אמרי פנחס קארעץ', וואס איז נודע לשבח ולתהלה בכמות ובאיכות, וואלט געוויס געווען א פאסיגע געלעגנהייט צו שילדערן די געשיכטע פון דאס בית המדרש, פארוואס האט זיך אזוי פלוצים אפגעשטעלט די בוי - ארבעט להרחיב גבולי הקדושה און וואס זענען די פלענער אצינד אויפ'ן צוקונפט ?**

ריכטיג. איך האב ב"ה געהאט די זכי' פון די ערשטע מינוט צו זיין א מצטרף לדבר מצוה מאז התייסדות בית המדרש, בהנהלתו פון דעם רב הרה"ג רבי מאיר בערקאוויטש שליט"א, צו ארויסהעלפן און אהערשטעלן דעם מקום קדוש - אינאיינעם מיט די אנדערע חשוב'ע עסקנים ומתפללים, כל אחד בשמו הטוב יבורך.

לאמיר פאר א מינוט טאקע כאפן א בליק אויף די השתלשלות פון דעם בית המדרש עד היום הזה.

ווען דער רב שליט"א האט אפגעקויפט דאס הויז פאר דעם בית המדרש מיט אנדערהאלבן יאר צוריק, איז דער פלאן געווען אז מען וועט באלד ארויסבויען אן 'עקסטעטנשן" וואס זאל פארדאפלען דעם בנין צו אריבער 12,00 סקווער פיס. וואו מען וועט קענען פאסיג אהערשטעלן א פרעכטיגער בית ה' כראוי וכיאות, מיט א שיינעם היכל בית המדרש, א מקוה מפוארת, און אלע נויטיגע איינריכטונגען.

למעשה איז מען אריין אין דעם בית המדרש אדעתא דהכי אז

בקרוב וועט מען שוין זוכה זיין צו פולקאם מרחיב זיין גבולי הקדושה. דעריבער האט מען צוערשט געעפענט דעם בנין אויף א פראוואזערישן פארנעם. עטליכע טייערע אינגעלייט מתפללים האבן ארויסגעהאלפן צוגרייטן דעם ערשטן שטאק עס זאל זיין פאסיג צו נוצן פאר די תפלות. מען האט אינסטאלירט עלעקטעריק, עטוואס העכער געמאכט דעם דאך, אנגעגרייט די טישן און בענקלעך און ס'איז געווארן א בית המדרש...! וואס איז ב"ה מאז ועד היום א געשמאק ווינקל און א מקום תורה ותפלה פאר צענדליגער מתפללים מדי שבת בשבתו.

פארשטענדליך אז מען האט באלד געפיילט לעגאלע "פלענס" צו קענען ווי אמשנעלסטן אנהויבן בויען א פערמענאנטן בית המדרש און מקוה. אבער דאן האט זיך אנגעהויבן די שוועריגקייטן און קאמפליקאציעס וועלכע זענען ליידער נאכנישט געלעזט געווארן עד היום הזה.

צוערשט איז צוריקגעקומען א פארשלאג פון די 'בולדינג אינספעקטאר' אז מיר זאלן נישט דערמאנען אין די "פלענס" איבער די אויפבוי פון א מקוה, אזוי וועט עס גרינגער באשטעטיגט ווערן און דערנאך וועט מען זיך שוין אן עצה געבן מיט דעם מקוה. אזוי האבן מיר טאקע געטון, מען האט נאכאמאל גע'פיילט פלענס בלויז פאר א בית המדרש, אבער דאן איז צוריקגעקומען פרישע זינלאזע פארלאנגען און תנאים, מען האט זיך צו אלעם צוגעשטעלט און געשיקט פרישע פלענס, וואס האט אזוי אנגעהאלטן א שיינע שטיקל צייט פון 6-7 חדשים ווען זאכן האבן זיך גארנישט גערירט.

ווען דער רב שליט"א האט זיך דאן צופעליג געטראפן מיט'ן היזיגן מעיאר, האט ער אים געפרעגט פארוואס מען לייגט אונטער אזויפיל שוועריגקייטן און מען קען נישט ערהאלטן א פשוט'ן פערמיט צו בויען א בית המדרש. דער רב האט אים דעמאלט פרובירט צו ערקלערן אז פאר זיין אייגענע טובה איז ראטזאם נישט צו שטערן די אידישע איינוואוינער ווייל עס וועלן דאך קומען די וואלן און אז אידן וועלן זיך שפירן אזוי שטארק באקריוודעט וועט דאך קיינער נישט ארויסגיין שטימען לטובתו.

דער מעיאר האט ווייזט אויס געשפירט אז דאס איז שוין טאקע צופיל האט ער אויפ'ן ארט פארשפראכן: "זארגט נישט, איך וועל קעיר נעמען און איך וועל זיכער מאכן אז איר זאלט האבן פערמיטן". און אזוי איז טאקע געווען, צוויי טאג שפעטער האט מען 'אפרוואד' די 'פלענס', טאקע נישט פאר קיין מקוה אבער אויף א בית המדרש. ווארשיינליך האט דער מעיאר געלייגט דרוק אויף דעם בילדינג אינספעקטאר און ס'איז צושטאנד געקומען.

די הנהלת הבית המדרש האט נישט געוואלט פארלירן צייט און טאקע איין טאג שפעטער האט מען אנגעהויבן גראבן. איבעריג צו שילדערן די שמחה וואס האט זיך געשפירט ביי אלע מתפללים אז ענדליך וועט מען שוין זוכה זיין צו האבן א געהעריגן בית ה' ווי עס פאסט לכבוד ולתפארת.

גייט נישט אריבער מער ווי בלויז איין טאג און דער "בילדינג אינספעקטאר" איז צוריק דא מיט א מעלדונג. היות מען האט אנגעבליך געגראבן עטוואס מער ווי ערלויבט, איז די פערמיט "ריוואקט", נישטא מער קיין פערמיט! און דאס איז ליידער געווען די ענדע פון דעם בוי פראיעקט לעת עתה.

זינט דעמאלט רוקט זיך צום באדויערן גארנישט און מען איז געצווינגען ווייטער צו דאווענען אין דעם פראוואזארישן בית המדרש, וואס איז שוין לאנג אויסגעוואקסן פון פלאץ. ס'איז א גרויסע הארץ ווייטאג.

אייגנטליך האט מען שוין א צייט בעפאר אנגעהויבן א קאמפיין צו אויפטרייבן די נויטיגע סכומים פאר די בוי ארבעט, מען האט שוין אריינגעלייגט אסאך געלט אין דעם קאמפיין און דאס אלעס איז געגאנגען לטמיון.

מען רעדט דא פון א בליענדע בית המדרש וואו עס דאווענען אין א ווינטערדיגן שב"ק נאנט צו 50 טליתים, בנוסף צו קינדער און בחורים. ווער רעדט נאך אין די זומער חדשים, מיט אלע זומער איינוואוינער און שכינים פון ווייטערע געגנטער, ווען דאס בית המדרש איז ממש פול עד אפס מקום און מען איז געצווינגען צו דאווענען אויך אויפ'ן אויבערשטן שטאק מיט א פיזור הנפש. אבער מען קען זיך נישט אויסברייטערן צוליב רשעות'דיגע קאפריזן פון די באהערדע וואס האבן איין ציל פאר די אויגן, אונז צו לייגן שטיינער און נישט לאזן אנגיין במנוחה ושלוה.

די איינציגע האפענונג אצינד איז אז אין עטליכע חדשים וועט זיך דאס גאנצע בילד טוישן צום גוטן, אדאנק די פאראייניגטע ווארימקייט ביים ציבור "זיך אליינס צו העלפן" און פארזיכערן אז די באהערדע זאלן זיין פריינטליך און סימפאטיש צו אונזערע פארלאנגען. דאס הייסט אין אנדערע ווערטער אז יעדער יחיד וואס וועט זיך אנשליסן אין דעם קריטיש וויכטיגן 'כח הרבים' וועט נישט בלויז בעניפטירן דערפון פריוואט נאר ער האט בפועל ממש א זכות אין בויען בתי מדרשים, מקוואות און אלע אנדערע אידישקייט ענינים, וואס דער שכר דערפון איז אומשאצבאר.

**זייער ריכטיגע ווערטער ר' יושע אלימלך הי"ו, און עס איז טאקע די האפנונג פון אונז אלעמען אז מען זאל שוין אין די נאנטע חדשים קענען צוריק קומען מיט די פאזיטיווע מעלדונגען איבער אן אנגייענדע בוי פראיעקט פאר א בית המדרש און מקוה לתועלת מתפללי בית המדרש ותושבי השכונה.**

**צום שלוס, אייער שטימע איבער די 'אונזער שטימע' אויסגאבע ?**

המפורסמת אין צריך ראי'... ב"ה אז די אינהאלטרייכע 'שטימע' האט זיך אין די קורצע צייט ערווארבן צו זיין ווי א חלק פון אונזער בליענדע געגנט. דער עולם קוקט פשוט ארויס דערויף און מען ערווארטעט עס שוין מיט אן אמת'ע אינטערעסע. ווען מען קומט אין מקוה עש"ק הערט מען פון יעדן די זעלבע שאלה: "וואו ליגט די שטימע?"... דער ציבור וויל מיטהאלטן, מען האט א געפיל פאר די זאך און מען טראגט דאס אויך אהיים אין שטוב, פון וואו מען הערט אויך צוריק זייער פאזיטיווע גריסן.

איך האב פונקט געזאגט פאר עמיצן: די 'שטימע' באדייט לאו דוקא די 'שטימע' פון 'וואטן' אין די קומענדיגע עלעקשאנס. לגמרי נישט! די 'שטימע' באדייט אז דאס איז פשוט די שטימע פאר די גאנצע געגנט, די פלאטפארמע פאר אונזער שטאט מיט אלע אירע געברויכן, צרכי הכלל והפרט, דאס אלעס טוט ב"ה די 'שטימע' אזוי שיין רעפרעזענטירן. ס'איז די שטימע פון יעדן יחיד, יעדן תושב, און יעדע משפחה וואס ווערט געטריי פארטרעטן און געהאלפן בכל עת ובכל שעה, השי"ת זאל אודאי העלפן ווייטער.

**אמן און א יישר כח!**

---

**בלומינגראָוו'ס אחדות לייכט און שיינט:**

# מאַסיווער קאַמפּיין "פון בלומינגראָוו פאַר בלומינגראָוו" צו צעמענטירן פינאַנציעלער רוקן-ביין פאַר "אונזער כח העסקנות" פּראָגרעסירט העפטיג אין פולסטן שוואונג

גדלו והצליחו: העכסט דערפאָלגרייכער "פּת שחרית" פאַרלאָפענעם זונטאָג אין בידהמ"ד "צאַנז-זמיגראַד", מיט וואַרעמהאַרציגע פּאָזיטיווע געפילן פון "אַלע מתפּללים", ברענגט אַריין קאָלאָסאַלע סומע "אויפ'ן פלאַץ" און הויפנס "חיזוק און ערמוטיגונג" פאַר די עסקנים העכער אַלע ערוואַרטונגען

**אומגעהויערער אָנשלוס ברענגט שטראַלנד צום אויבערפלאַך די "הכרת הטוב" און "אַנערקענונג" פון תושבי העיר פאַר די שלוחי ציבור וועלכע זענען זיך מקריב פאַר די שטאָט, מיט געטריישאַפט און ערנסטקייט, מיט בלויז דעם "טובת הציבור" פאַר זייערע אויגן!**

**קאַמפּיין זעצט פאָר מיט עסקנים וואָס גייען אַרום צום ציבור און קלאַפּן אָן על פּתחי נדיבים, צו פאַרזיכערן אז "געלט זאָל נישט זיין קיין אָפּהאַלט" ווען ס'האַנדעלט זיך אין "אונזער עתיד"!**

אויספירליכע באַריכטן וועלן נאָכפאָלגן

# United Jewish Community of Blooming Grove

Mailing address: PO Box 808 Monroe, NY 10949 • Hotline: 845-237-4828 • Email: Info@UJCofBloomingGrove.org

**Isaac Eckstein**
*Board Chairman*

**Joel Stern**
*Board Representative*

**Robert S. Rosborough IV**
*Board Counsel*

**Joseph Weinberger**
*Finance / Fundraising*

**Abraham Weiss**
**Chaim Gluck**
**David Kraus**
**Hershel Lowy**
**Mordche Holtzer**
**Moshe Halpern**
**Shia Bitman**
*Board members*

בס"ד, פרשת בא תש"פ לפ"ק

## מחול אל חול
# פאַרקינג אָפדעיט

עס איז א פרייד צו מעלדן אז מיר האבן בעז"ה מצליח געווען מיט די אינסטאַנצן צו ערלעדיגן

# ערלויבעניש פאַר פאַרקינג
# פאָרנט פון די בתי מדרשים

- די ערלויבעניש איז בלויז אויף באשטימטע דעזעגנירטע ערטער, אויפ'ן אנגעצייכנטן זייט פונעם ראוד
- בלויז פאַרקירן צום ריכטונג פונעם טראַפיק פאַרקער
- זעלבסטפארשטענדליך נישט בלאַקירן דרייוועיס פון שכנים.
- אין פאַל עס גייט א שניי, אדער נאך א שניי, איז נישט ערלויבט צו פארקירן אויף די פלעצער נישט צו שטערן די שניי-שארער טראקס צו טוהן זייער אויפגאַבע

| | |
|---|---|
| **ביהמ"ד סאטמאר**<br>1 ראונאוק | **ביהמ"ד זאבליטוב**<br>43 מעריוואלד נט. |
| **ביהמ"ד קארייץ**<br>20 דאללאס | **ביהמ"ד ראדאוויץ**<br>19 סיערס |

## מאַפּע פון דעזיגנירטע פאַרקינג ערטער נעבן די בתי מדרשים

**20 Dallas Drive**




**19 Sears Road**




**43 Merriewold Ln North**




**1 Roanoke Drive**



אין די סעריע פון:

את כל התלאה אשר מצאתנו...

# השתלשלות השתדלנות

## דאָקומענט #6 – מסכים צו זיצן אויף א מיטינג, אבער נישט צו דיסקוסירן די אקטועלע טעמעס וואס ווייטאגט בלומינגראוווער אידן...

ווי ערוועהנט פארגאנגענע וואך זענען אלע רעספעקטפולע געבעטן זיך צו אראפזעצן און זיך דורכקומען בדרכי נועם אפגעווארפן געווארן איינמאל און נאכאמאל. ענדליך נאכדעם וואס דער מעיאר האט זיך געשפירט געצווינגען צו זיצן מיט די אידישע פארשטייער צוליב בושה - נאכדעם וואס דער 'פאליציי טשיף' האט יא מסכים געווען צו זיצן מיט אונז - איז דאס אבער געווען מיט א 'תנאי תחלה' צו פארזיכערן אז מען זאל נישט קענען געהעריג דורכרעדן די אקטועלע נושאים וואס זענען נוגע דעם ווילעדזש. נעמליך אז ער וועט נישט באשטימען א באזונדערע זיצונג, נאר איז גרייט זיך צו טרעפן בלויז אינאיינעם מיט'ן פאליציי טשיף, צולייגענדיג אז אויב מיר ווילן עפעס דורכרעדן בשעת מעשה זאל מען אים אנגרייטן די אגענדע פון וואס מען וויל רעדן.

די געטרייע באורד מיטגלידער האבן באשלאסן אז טראץ אלע אפענע שוועריגקייטן וואס דער מעיאר שטעלט אונטער, קען מען נאך אלס נישט ארויסלאזן אזא געלעגנהייט זיך צו דורכקומען פרידליך און מיט הכנעה. מען האט צוריק געשריבן פאר'ן מעיאר אז יא! מיר קוקן ארויס זיך צו טרעפן מיט אים אפילו אויף אזא אופן, אינאיינעם מיט'ן פאליציי טשיף.

גלייכצייטיג האט מען אויפ'ן פארלאנג פון דעם מעיאר אויסגערעכנט אונזער יעצטיגע אגענדע, די קריטישע אישוס וואס פלאגט די אידישע איינוואוינער אין בלומינגראוו. 1) די פאראהאקטע 'שאָטל' באס סערוויס וואס עפעקטירט אונזערע פרויען און משפחות טאג טעגליך. 2) דאס בית המדרש קהל יטב לב ד'סאטמאר אויף מעריוואלד לעין וואס שטייט ליידער פאַרוויסט מיט אן אומבארעכטיגטע 'סטאפ ארדער'. 3) דאס בית המדרש קהל יטב לב ד'סאטמאר אויף רינאוק דרייוו וואס גייט דורך שבעה מדורי גיהנום מיט געריכטליכע אנקלאגעס און שיקאנירונגען נישט צו דערלאזן קיין פערמיטן זיך צו אויסברייטערן. און 4) דאס בית המדרש אמרי פנחס קאריץ וואס ווארט אויף א בויען פערמיט צו קענען זיך אויפבויען מיט א ביהמ"ד און א מקוה.


-------- Original Message --------
Subject: Re: UJC Introduction Meeting
From: James Lofranco <mayor@villageofsouthbloominggrove.com>
Date: Wed, December 11, 2019 6:26 am
To: Joel Stern <BoardRep@ujcofbloominggrove.org>
Cc: clerk@villageofsouthbloominggrove.com, jross@villageofsouthbloominggrove.com, Blooming Grove PD Police <chief@bloominggrovepolice.com>

Dear Mr. Stern,

I will be present at the meeting with the Police Chief. Please note that some items you wish to discuss are involved in pending litigation and cannot be discussed per the advice of Village Legal Counsel.

Best regards,

James A. LoFranco
Mayor

Village of South Blooming Grove
P.O. Box 295
Blooming Grove, New York 10914
(845) 782-2600
(845) 782-2601

On Dec 10, 2019, at 6:11 PM, Joel Stern <BoardRep@ujcofbloominggrove.org> wrote:

Mr. Mayor,

Here is the agenda that we would like to discuss:

-Shuttle bus service
-Synagogue at 31 Merriewold
-Synagogue at 1 Roanoke
-Synagogue at 20 Dallas

Please advise if there is any information that you need from our end.

Thank you

Joel Stern
Community Board Representative

מען האט געהאפט אז דאס וועט שוין זיין כאטש א פתח פאר א פרידליכע דיאלאג. אבער מען איז ווידעראמאל ביטער אנטוישט געווארן ווען דער אנטווארט איז צוריקגעקומען מיט דעם ציניש אויסרייד אז "לויט די רעקאמענדאציע פון דעם ווילעדזש אדוואקאט" וועט מען "נישט קענען" דוסקוסירן טייל פון די אישוס וויבאלד דאס ווארט אצינד אויף די געריכטליכע באשלוס...

דאס הייסט אזוי: נאכדעם וואס "דער ווילעדזש" האט אנגעקלאגט אין געריכט דעם שאטל און די בתי מדרשים מיט הארבע קלאגעס, וועלכע ציען זיך שוין לאנגע חדשים און קאסטן אפ אוצרות מיט געלט, האבן מיר אפילו נישט די געלעגנהייט דאס צו דורכשמועסן און זיך דורכקומען בדרכי נועם, ווייל "דאס איז אין געריכט"... אזוי כאפט מען אן דעם שטריק פוןביידע זייטן און מען נוצט אלע ערליי אויסריידן צו ענג מאכן פאר אידן אין בלומינגראוו, אָן אפילו אויסהערן אונזער ווייטאג.

בדרך אגב, דער ווילעדזש לויער, וועמען דער מעיאר דערמאנט אין דעם בריוו, איז טאקע טרויעריג באקאנט אלס אן אפענער העצער וואס ארבעט אויך "לפנים משורת הדין"... און גייט ארויס פון זיין וועג צו אנזייען אלע ערליי שטיקלעך, שוועריגקייטן און עגמת נפש און "ארויסהעלפן" דעם מעיאר און די ווילעדזש באאמטע מיט "עצה ועזרה" וויאזוי צו בלאקירן און שטערן אונזערע געברויכן און אונזערע בתי מדרשים צו יעדע געלעגנהייט.

# 4

# בימים ההם בזמן הזה...

גייסטרייכער שמועס מיט הרבני החסיד
מפאר ישישי הדרה תושבי קרית יואל לאוישט"א
מוה"ר **חיים הערש ליימזידער** שליט"א
לעגענדארער פיאנער און בויער פון דער שטאט "קרית יואל"
בראשית ימי' בשליחות הקודש פון רבינו הק' זי"ע

## אינפארמאטיווע פאקטן, אינהאלטספולע זכרונות און באלערנדע אנעקדאטן

איבער די געטרייע דרכי השתדלות אויף אלע פראנטן, מיט דער ברכה און באגלייטונג פון רבינו הק' זי"ע, טראץ די אומגעהויערע שוועריגקייטן און פארוויקלטע קאמפליקאציעס, און איבער דעם ריכטיגן מהלך וויאזוי צו זיך דורכקומען מיט די שכנים אין גלות, בימים ההם בזמן הזה, בכוחו ובזכותו של אותו צדיק.

**רבי חיים הערש שליט"א שילדערט אונז ווייטער די העכסט אינטערסאנטע שילדערונגען, פון די ראשית ימי התייסדות קרית יואל, ווען דעם רבי'נס געטרייע שלוחים ועושי רצונו האבן ממלא געווען רצון קדשו און בעצתו והדרכתו אויפגעשטעלט דעם שטעטל און דורכגעשוויצט די שוועריגקייטן מיט די דרכי השתדלות וועלכע האבן זיך געפאדערט לחיותינו כיום הזה.**

### געבויעט די דירות מיט'ן חשבון פון אריינוועלן אונזערע קאנדידאטן

ווען מיר האבן אנגעהויבן די ארכיטעקט פלענער פאר די ערשטע הייזער אין קרית יואל, די "גארדן הייזער" און די "וואן פעמילי הייזער" אויף סעקשאן 1, קוויקוועי ראוד, האב איך דאן געטראפן א גוטן ארכיטעקטער מיט'ן נאמען "מאלקהיים" וואס אינאיינעם מיט אים האבן מיר אויסגעשטעלט די אינזשענירונג. מען האט באשטעטיגט די מאכן צוויי סארט הייזער אין די גארדן הייזער (די רויטע בילדונג) וואו מען האט געבויעט אכציג דירות 54 פון די דירות האבן געהאט איין בעדרום און 26 פון די דירות האבן געהאט צוויי בעדרום דאס איז געווען אויסער די 25 פריוואטע הייזער וואס זענען געבויעט געווארן אין די גאסן ארום און ארום.

די סיבה פארוואס זיי האבן נאר באשטעטיגט די סארט דירות איז געווען ווייל זיי האבן נישט געוואלט דא האבן קיין גרעסערע משפחות, זיי האבן געוואלט אז עס זאל נאר דא וואוינען נאר 'סיניאר סיטיזען'ס', עלטערע איינוואוינער וואס וועלן לאזן א שטילע רואיגע געגנט אן קיין איבעריגע גערודער.

אבער מיר האבן זיך נישט געקענט ערלויבן צו האבן אזעלכע קליינע דירות, מיר האבן דאך שוין געוואוסט אז מען גייט דא אריין אין אן עסק, מיט שוועריגקייטן אויף טריט און שריט, ווען די גוים וועלן אונז לייגן שטיינער כסדר. מיר האבן פארשטאנען אז אויב מיר זאלן דא נישט קענען שאפן קיין אייגענע אויטאנאמיע, מיר זאלן נישט האבן קיין אייגענע רעכטן, דעמאלט וועלן מיר נישט קענען דא עקזיסטירן, ווייל זיי וועלן אונז פרובירן אונטערצוברענגען ביי יעדע געלעגנהייט.

**דאס איז דעמאלט געווען א דבר פשוט ביי אלע עוסקים בשליחות פון רביה"ק זי"ע אז מיר מוזן קלערן פון די מעגליכקייט אז אונזער קליין שטעטל זאל קענען ארויסקומען מיט א שטארקער כח אין די וואלן,** צו אריינוועלן אידן וועלכע זאלן זיך אננעמען פאר אונזערע מינימאלע רעכטן און טאקע ענדגילטיג מאכן אן אייגענע ווילעזש, וואו מען וועט קענען באשטימען די פארשריפטן און געזעצן וואס איז פאסיג פאר אידן. אבער נעמענדיג אין באטראכט אז אזא ריזיגע צאל הייזער האבן נאר 1 בעדרום מיינט דאס אז נאר גאר קליינע משפחות וועלן דא קענען וואוינען וואס דאס איז דאך קעגן אונזער ציל, בין איך אויף געקומען מיט אן אינטערסאנטן המצאה.




ווען איך געזעצן מיט'ן ארכיטעקט האבן מיר אויסגעשטעלט אז די דירות זאלן קומען מיט א טי. ווי. רום, וואס דאס איז א נארמאלע זאך ביי די גוים וואס האבן קליינע משפחות און זיי האבן אויך אן עקסטערן צימער בלויז פאר די טמא'נע כלי, מ'זאל דארט קענען זיצן אויפ'ן קאוטש און קוקן די כלי. האב איך געמאכט די ארכיטעקט אויף דעם אופן, און מיין פלאן איז געווען אז ווי נאר די איינוואוינער וועלן זיך אריינציען וועלן זיי פארבויען דעם וואנט און זיי וועלן פון דעם צימער מאכן א צווייטע שלאף צימער אזוי וועט מען דא קענען וואוינען מיט עטליכע קינדער. דאס הייסט אז אין פאקט זענען די דריי רומיגע דירות געווען פיר רומיגע דירות און די פיר רומיגע דירות זענען געווען פינף רומיגע דירות.

די אלע פלענער האב איך געמאכט באהאלטן קיינער האט דאס נישט געוואוסט אלעס איז געווען באהאלטן כדי אז עס זאל גארנישט ארויסרינען אינדרויסן. דאס האט אונז טאקע שפעטער געקאסט אסאך עגמת נפש ווען ס'איז יא ארויסגערינען ווי שפעטער דערציילט.

### דעם רבי'נס שטעטל בויעט זיך און די העצע וואקסט

למעשה, ווי נאר מען האט זיך באזעצט אין קרית יואל און דעם רבי'נס רצון איז געווארן א מציאות האט מען אנגעפאנגען ליידן פון די אפענע העצע און שנאה פון די שכינים, וועלכע האבן נאך דעמאלט געוואוינט פון אלע זייטן ארום אונזערע דירות, אזוי אז מיר זענען פשוט געווען ארומגענומען מיט שונאים פון אלע זייטן און מען האט דאס געדארפט שליכטן יעדעס מאל באזונדער מיט די קריטיש וויכטיגע דרכי פעולה און שתדלנות בברכתו פונעם רבי'ן זי"ע.

ס'איז וויכטיג צו באטאנען, אין דער צייט וואס מיר האבן אויפגעבויעט סעקשאן 1 זענען די אלע ארומיגע שטחים, ווי עס זענען היינט די פארנומענענע גאסן ווי "פארעסט" און "עיקערס" געווען באזעצט מיט הייזקעלעך פון גוים וועלכע האבן געקוקט אויף אונז מיט א בייז אויג און מען האט אסאך געדארפט עוסק זיין אין דרכי השתדלות זיי צו אפשלאגן, ביז זיי האבן ב"ה צוביסלעך איבערגעלאזט דאס פלאץ און מען איז פטור געווארן פון זייער נאכאנאנדיגע רדיפות.

ס'איז טאקע געווען אסאך פיסטע שטחים ארום און ארום, אבער ס'איז געווען גענוג גוים וואס האבן יא געוואוינט אין די גרעניצן פון די היינטיגע קרית יואל, דאס זעלבע זענען געווען מערערע ארומיגע

שכינים פון די דרויסנדיגע געגנטער וואס האבן געהעצט און געטומלט, און אויב וואלטן מיר חלילה נישט רעאגירט צו זייערע כסדר'דיגע שטיינער איז נישט קיין ספק אז "קרית יואל" וואלט קיינמאל נישט געקענט בליען אויף דעם פארנעם ווי דער רבי האט געוואלט און געשטרעבט. עס וואלט העכסטנס געבליבן א פרימיטיוו דערפל מיט עטליכע צענדליגער משפחות אן קיין געהעריגע בית המדרש, מקוה אדער גראסערי.

אין יענע וואכן, חדשים און יארן נאכדעם וואס קרית יואל איז ב"ה שוין געווען א פאקט, זענען מיר גלייך געווען פארנומען צו 'ראטעווען' דאס שטעטל. מען האט געדארפט זוכן אלע וועגן, אלע סארט קאנעקשענס, אלע לעגאלע און צומאל שארפע מהלכים וויאזוי מיר זאלן קענען ווייטער אנגיין. דאס האט זיך געצויגן א לענגערע תקופה ביז ווען מיר זענען בסייעתא דשמיא ארויס וידינו על העליונה, ווען מען האט מצליח געווען צו צווינגען די שכינים זאלן אנערקענען אונזער עקזיסטענץ און לאזן גרונדן דעם אייגענעם זעלבסט שטענדיגן "ווילעדזש" וואס האט ב"ה געענדיגט די אלע פראבלעמען וואס זיי האבן אונז אנגעמאכט.

דעמאלט האבן מיר שטארק געזען עין בעין דעם כח וזכותו של אותו צדיק פון רבי'ן זי"ע וואס האט באגלייט אויף טריט און שריט צו קענען איבערקומען יעדע סארט פראבלעם, און וויאזוי צו קענען עוסק זיין אין די דרכי השתדלנות ברוב סייעתא דשמיא.

## די היציגע טאון האל מיטינגען

רעדנדיג איבער יענע תקופה באטאנט רבי חיים הערש שליט"א:

"אינטערסאנט אז אלעס וואס איר מאכט מיט אין בלומינגראוו איז געווען דאס זעלבע ביי אונז. **אויך דעמאלט האבן די העצער'ס געזוכט אלע ערליי וועגן און לעגאלע סיבות מיט וואס זיי זאלן אונז קענען שטערן און אפהאלטן פון זיך פארברייטערן.** און אויך דעמאלט זענען די צרה -לייט געקומען צו די "טאון האל" מיטינגען מלא טענות פארוואס מען האט בכלל געגעבן פאר די 'חסידים' פערמיטן צו בויען און זיך באקוועם מאכן דא.

די מאנרא איינוואוינער האבן אויסגעגעבן זייער גאנצע כעס און אופברויז אויף'ן קאפ פונעם טאון באורד, פארוואס זיי האבן גארנישט געטון צו פארמיידן און באווארענען דעם "פראבלעם". די 'טאון באורד' פון זייער זייט האט טאקע פרובירט זיך צו "פארענטפערן" און אנערקענט אז זיי זענען באגאנגען א טעות און זיי ווילן זען וואס זיי קענען נאך יעצט טון צו "פאררעכטן" די פראבלעמען, דורך אנזייען קאמפליקאציעס און רדיפות קעגן דעם אידישן ישוב אויף טריט און שריט.

זיי האבן אפירגענומען דעם בוך מיט אלע 'זאונינג געזעצן' און מען האט אנגעהויבן צו זוכן, מען איז איבערגעגאנגען יעדן דעטאל קוקנדיג מיט וואס מען דא יעצט אנמאכן פרישע צרות פאר די אידישע איינוואוינער. **פונקט ווי די האסער'ס כהיום, האבן די דעמאלטיגע העצערס אויך 'געהייערט' ספעציעלע לויער'ס פאר דעם איינעם ציל, צו זוכן און טרעפן סיי וועלכע 'עבירה' אדער מינדסטע 'פארלעצונג'** וואס וועט שוין זיין גענוג סיבה צו אפהאלטן די הצלחה פון דעם נייעם שטעטל.

דער אפיציעלער לויער וואס די 'טאון באורד' האט אויפגענומען האט געשריבן שארפע בריוו פאר די


10 October 12, 1975 SUNDAY RECORD

Hasids in Monroe: A clash

By DAVID SWANSON

Values, growth 'unaffected'


Hasidim charged with violations

JUL 8 1976

RECORD

Monroe Hasidim charged with zoning violations

JUL 22 1976

RECORD

Monfield zoning violations must be corrected

By DAVID SWANSON

אינספעקטארס אויף דעם וואס זיי האבן געגעבן ערלויבעניש צו בויען די הייזער. אינעם בריוו ווערט ארויסגערוקט טענות, היתכן זיי האבן פארזען די 'זאונינג' געזעצן וואס די 'חסידים' האבן דא פארלעצט. חוץ די אלע טענות און בלבולים האבן זיי זיך גענומען פשוט צו רודפ'ן און טעראריזירן אויף טריט און שריט. זיי האבן געשיקט אינספעקטארס בסוד, אן קיין שום פריערדיגע מעלדונג. די אינספעקטארס האבן אריינגעקלאפט אין הייזער און געמאכט אונטערזוכונגען מיט שאלות, אלעס מיט'ן ציל צו טרעפן אויפ'ן יעדן יחיד עבירות וואס זענען קעגן דעם געזעץ. ווען די איינוואוינער האבן זיך אויסגעלערנט אז מען עפענט נישט קיין טירן פאר קיין פרעמדע פארשוינען האבן די אינספעקטארס זיך גאר פארשטעלט אז מען זאל נישט כאפן אז זיי זענען דא צו זוכן פארלעצונגען און אזוי האט מען געליטן פון נאך פארשידענע טאקטיקן וואס די חברה האבן אונטערגענומען אונז צו דערקוטשענען און פארטרייבן פון דא.

## דאס געריכט שטעלט אפ ווייטערדיגע בוי ארבעט

ווען די העצער האבן געהאלטן אז זיי האבן שוין גענוג טענות האבן די לויערס פון 'טאון אוו מאנרא' געשיקט א 'סאמענס' מיט א 'סטאפ ארדער' אז מען זאל זאפארט אויפהערן צו בויען דעם סעקשאן 2. ווייל אלע הייזער וואס מיר האבן געבויעט ביז יעצט זענען אין 'ווייאלעישן' פונעם זאונינג באורד. אזוי איז אויך געווען א באזונדערע ווארענונג קעגן אלע פריוואטע הייזער פון ערשטן סעקשאן, אז אלעס איז געבויעט קעגן די זאונינג געזעצן.

איך דארף אייך נישט זאגן וואס דאס האט געמיינט פאר אונז. נאך די גאנצע הארעוואניע ביז אהער און ב"ה מען האלט שוין דא, אידן האבן זיך שוין ארויסגעצויגן און מען וויל זיך שוין פארברייטערן, האבן די שכינים אנגעהויבן מיט אזא קאמף, וואס עס האט אויסגעזען אז אויב ווילן זיי זיך נישט באציינטס אפשטעלן קענען זיי נאך אויספירן זייערע פלענער, א זאך וואס קיינער האט זיך אפילו אויפ'ן געדאנק עס נישט געוואלט אויפברענגען...

## די פרואוון פאר שלום פאלן דורך

דער געטרייער ראה"ק, הרה"ח ר' לייבוש לעפקאוויטש ע"ה, האט זיך דעמאלט שטארק אריינגעלייגט אין דעם פרובירנדיג צו בארואיגן דעם איבערקערעניש ביי די שכינים אויף א וועג פון זיך דורכרעדן און בארואיגן. ער האט געהאפט אז מיט גוטע ווערטער וועט מען קענען בארואיגן די שכנים אז זיי זאלן נישט זיין אזוי הארט און פארביסן.

ר' לייבוש האט דעמאלט זיך געוואנדן צו די שכינים און אויסגעדרוקט גרייטקייט זיך צו אראפזעצן צום פארהאנדלונגס טיש מיט אלע אפיציעלע אינסטאנצן פערזענליך, אויסצוארבעטן וואס עס איז נאר שייך בדרך הנועם והשלום אז יעדער זאל זיין צופרידן.

<<<

## בלומינגראוו קלאסיפיידס
## BLOOMING GROVE CLASSIFIEDS

צו אדווערטייזן אייער ביזנעס קלאסיפייד עד בחנם שרייבט צו:

BGVoice@UJCofBloomingGrove.org

Just in time kiddie group forming
Centrally located, Dallas Fort Worth and Greene area
Call for details 845 263 9341

byldit.
BYLDITNY.COM
BERRY & MOSHE
SHEA POSEN
845 400.BYLD
2953
INFO@BYLDITNY.COM

Moshe Shie Posan (845) 461-5244
Berl Posan (845) 500-1655

לכו והתפרנסו זה מזה: ביזנעסער און
סערוויסעס פון בלומינגראוו איינוואוינער



## ברכת מזל טוב
### לתושבי עירינו שהשמחה במעונם

הרב ר׳ **יעקב וואשאהל** הי״ו
בן הרב חיים מאיר בן כ״ק אדמו״ר משינאווא שליט״א
**לרגל הולדת הבת למזל טוב**

ר׳ **יואל אלכסנדר שטערן** הי״ו
**לרגל נישואי בתו**

ר׳ **עמרם נתן פעלבערבוים** הי״ו
**לרגל הולדת נכדתו**
אצל בנו ר׳ יואל יושע הי״ו

ר׳ **יואל טאבאק** הי״ו
**לרגל הולדת בתו**

יזכו לראות רב נחת דקדושה מתוך הרחבת הדעת


>>>

**גלייכצייטיג האט ער געלאזט וויסן זייער קלאר אויב מען וועט אונז צוריקווייזן און נישט נאכגעבן אונזער פארשטענדליכע ביטע, זיך צו דורכקומען בדרכי נועם, וועלן מיר נישט האבן קיין ברירה נאר טון וואס מען קען אויפ׳ן לעגאלן פראנט, מיר וועלן זיך ווענדן צום געריכט און דארט קעמפן פאר די רעכטן פון אונזער עקזיסטענץ.**

מיר האבן זיי אפילו געמאכט דעמאלט דעם חשבון אז במשך דעם יאר זינט די נייע איינוואוינער האבן זיך דא אריינגעצויגן האבן זיי שוין אריינברענגט איבער צוויי הונדערט טויזנט דאללער אין טעקסעס, וואס איז געווען ממש א בלינדע מציאה פאר די איינוואוינער פון מאנרא וואס זיי וואלטן ווען געדארפט מכיר טובה זיין ווייל דאס איז דאך זייערע אינטערעסן און נישט דאס פארקערטע.

## ׳עשו שונא ליעקב׳ טראץ אלע דרכי השתדלות בדרכי נועם

למעשה האבן די אלע פעולות צו בארואיגן די שכנים ליידער כמעט נישט מצליח געווען. ממש ווי היינט צוטאגס ביי אייך אין בלומינגראוו, ווען מען זעהט די בלינדע שנאה פון אזעלכע וואס קימערן זיך בכלל נישט פאר שלום אדער פארהאנדלען, זיי ווילן בלויז שטערן דאס לעבן פון אידן און אפשטעלן יעדע אידישע סערוויס, בית המדרש אדער געברויך. דאס זעלבע איז דעמאלט אויך געווען, מיר האבן קיינעם נישט געטראפן קיין אוזן קושבת, און קיינעם נישט מיט וועמען צו גיין צום טיש. אדרבה, זיי זענען געווארן שארפער און ווילדער און זיי האבן קלאר געזאגט אז זיי וועלן נישט צוריקטרעטן פון זייערע פארלאנגען בשום אופן.

אפשר מיט די ׳טאון באורד׳ אליינס וואלטן מיר זיך נאך ווען געקענט אן עצה געבן, אבער למעשה זענען די איינוואוינער כסדר געהעצט געווארן פון דרויסנדיגע עלעמענטן - אזוי ווי היינט אין בלומינגראוו וואס די גרעסטע העצער זענען גוים וועלכע וואוינען ניטאמאל דא ־ וואס דאס האט צוגעברענגט אז זיי זאלן לייגן דרוק אויף די באורד אז זיי זאלן נעמען ערנסטע שריט קעגן אונז.

אינמיטן זומער תשל״ו, מיטוואך פרשת מטות מסעי, איז געווען א ׳טאון האל מיטינג׳ ביי וועלכן עס האבן זיך באטייליגט פילע גוי׳אישע איינוואוינער וואס זענען דערביי געווען זייער ווילד און אגרעסיוו. זיי האבן דארט געפאדערט אז דער טאון זאל נישט שווייגן און צווינגען די איינוואוינער איינצוהאלטן אלע זאונינג געזעצן.

דער ׳רעקארד׳ איז דעמאלט ערליך געשטאנען צום דינסט פון די בייזע עלעמענטן. ממש יעדן צווייטן טאג זענען מיר געווען אויף די העדליינס, עדיטאריעלס זענען געווידמעט געווארן, באשרייבונגען פון האסענדע שכינים זענען כסדר ערשינען, און זיי האבן געלארעמט אז מ׳זאל נישט נאכגעבן פאר די חסידים, נאר זיי שטיין אין וועג און אונז ענג מאכן דאס ארט.

בדרך אגב, אין יענע צייט בין איך פערזענליך געווען א קרבן פון די העצערייען. אין פארשידענע צייטונג ארטיקלען האבן זיי דערמאנט מיין נאמען אז איך האב צוגעזאגט אז מיר וועלן זיך האלטן צו די זאונינג געזעצן, און דערווייל האט מען דאס נישט אויסגעפירט. זיי האבן גע׳טענה׳ט אז צוליב מיין עקשנות זיך צו האלטן פעסט און זיך נישט לאזן פירן ביי די נאז פון די אנטיסעמיטן, דאס איז שולדיג אין אלע זייערע פראבלעמען.

די צייטונגען האבן מיר אפילו געגעבן א צונאמען ׳הערמאן דע העממער׳... אז איך בין ווי א הארטער האמער וואס איך בייג זיך נישט פאר קיינעם... דאס איז געווען נאך א פרייז וואס איך האב ב״ה געצאלט פאר׳ן ממלא זיין רצון קדשו פון רביה״ק זי״ע, וואס האט דעמאלט מיטגעהאלטן די אלע העצערייען און אונז באגלייט בברכת קדשו ביז די פאזיטיווע ענדע, ווי געשילדערט אין די קומענדיגע קאפיטלען בעז״ה.


SPONSORS

3dhdesigns.com

printcenter™

Printout for BUSINESS

byldit.
BYLDITNY.COM